# דער אוצר




כתה ה' - יום כיפור תשע"ב

## אוצר המועדים

**דער** הייליגער **דובנא'ער מגיד**, האט מסביר געווען דאס ענין פון "אימת יום הדין", און כדרכו בקודש האט ער דאס מסביר געווען מיט א משל:

**עס** זענען געווען גרויסע סוחרים, וועלכע האבן זיך געלאזט בויען א שיף צו פארן מיט איר אין ווייטע לענדער נאך פארשידענע סחורות. דעם גאנצן בנין פונעם שיף ווערט אויפגעשטעלט אויף דער טרוקעניש, און אז זיי האבן שוין געהאט פערטיג די גאנצע שיף, האבן זיי געהאט פיל שוועריקייטן מיט זייער פיל ארבעטער'ס, ביז מען האט די שיף אראפגעלאזט ביים ברעג ים, אז די שיף איז שוין געווען ביים ברעג ים, האבן זיי ווייטער געהאט זייער א שווערע ארבעט איידער זיי האבן די שיף געברענגט אינמיטן ים, ווייל ביים ברעג ים קען קיין גרויסע שיף נישט שטיין. ווי זיי זענען שוין אנגעקומען מיט דער שיף אין טיפעניש פון ים, רופט זיך אן איינער צום צווייטן, יעצט קענען מיר זיך שוין אביסל אפרוהען, און זיך לייגן שלאפן במנוחה.

**רופט** זיך אן איינער א חכם: "אוי וויי, נארישע מענטשן זענט איר? מיר זענען דאך יעצט נאכמער אין א סכנה ווי פריער. ווייל ביז יעצט, האבן מיר טאקע שווער געארבעט, אבער אין קיין סכנה זענען מיר נישט געווען. אבער יעצט זענען מיר אין טיפעניש פון ים, און דער ים קאכט ווי א קעסל, זענען מיר יעדע מינוט איינגעשטעלט מיט דעם לעבן. ווי קענט איר זיך יעצט לייגן שלאפן במנוחה?"

**דער** נמשל איז פארשטענדליך: ראש חודש אלול הייבן מיר אן שווער צו ארבעטן, יעדער איד ווערט אביסל פרומער. דערנאך קומען די סליחות טעג, און ראש השנה, די שיף איז שוין ביים ברעג ים, און מיר ארבעטן איר צו ברענגען בשלום אין טיפעניש פון ים. עס זענען דא מענטשן וואס פרייען זיך שוין יעצט, אז מען איז שוין איבער געקומען די שווערע טעג פון חודש אלול. זאלט איר אייך נישט איינרעדן רבותי, אז יעצט אין יום כיפור, וואס מיר זענען אין טיפעניש פון ים, אז מיר קענען שוין פון יעצט און ווייטער זיצן במנוחה. זייט נישט קיין שוטים, מיר זענען יעצט אין א גרויסע סכנה, מיר דארפן יעצט וויינען, שרייען און פארגיסן טרערן פאר השי"ת, אז אונזער גאנצע ארבעט זאל חלילה נישט גיין צו גרונד, ווייל ראש השנה איז נאר געווען די כתיבה, אבער יום כיפור איז די חתימה, עס שטורעמט און קאכט די גאנצע וועלט ווי א קעסל, יעדער ציטערט פון דעם יום הדין.

**דערפאר** רבותי, דארפן מיר זיך שטארקן מיט תפילות, און תשובה טוהן מיטן גאנצן הארץ, און צו נעמען אויף זיך צו היטן די תורה מיט אירע מצוות, וועלן מיר אויסבעטן ביי השי"ת א שנת גאולה וישועה, אמן.

*(משלי יעקב)*

## אוצר הידיעות

### יונה הנביא אין די בויך פונעם פיש

יו"כ ביי מנחה לייענען מיר די הפטרה פון יונה הנביא. אסאך טעמים און ענינים ווערן געברענגט אין חז"ל, פארוואס מען לייענט דאס דווקא יום כיפור ביי מנחה (זעה אין "אוצר הטעמים"). אויך ווערט געברענגט פיל מדרשים און מאמרי חז"ל וועלכע ערקלערן די גאנצע געשיכטע פון יונה הנביא. מיר וועלן דא לערנען איבער וואס ס'האט זיך אפגעטוהן אין די בויך פונעם פיש, פון ווען יונה איז אריין אין איר, ביז ווען ער איז ארויס פון איר.

עס ווערט געברענגט אין **זוהר הק'** (זוה"ב קצח:), אז אין דער צייט וואס יונה איז אריינגעווארפן געווארן אין ים, האט השי"ת אנגעגרייט דעם גרויסן פיש, וואס איז באשאפן געווארן דערויף נאך אין ששת ימי בראשית, אויפן ארט וואו מען האט אים אריינגעווארפן, איינצושלינגען יונה'ן, כדי ער זאל נישט דערטרינקען ווערן. דער פיש האט אים איינגעשלונגען, און יונה איז דארט געווען דריי טעג און דריי נעכט.

נאך שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א קכא.): וויבאלד מ'האט אריינגעווארפן יונה'ן אין ים, איז זיין נשמה ארויסגעפלויגן פון אים, און איז ארויף ביז צום כסא הכבוד, וואו מ'האט גע'משפט זיין נשמה, און מען האט דאס אים צוריקגעגעבן, און דאס איז אריין אין דעם מויל פונעם פיש.

די מפרשים ברענגען, אז השי"ת האט געטאן פיל נסים מיט יונה, אים מציל צו זיין. נאטורליך קען א מענטש נישט לעבן אין א פיש, אפילו א קורצע צייט, און יונה איז דארט געווען דריי טעג און דריי נעכט. השי"ת האט די גאנצע צייט געשפייזט דעם פיש מיט מן, אזוי ווי די אידן האבן געהאט אין מדבר, כדי דער פיש זאל נישט פארדייען יונה'ן אלס שפייז. אויך יונה אליין, האט זיך דארט געשפייזט פון דעם מן.

אין **מדרש** שטייט, אז יונה איז אריין אין מויל פונעם פיש אזוי ווי איינער שפאצירט אריין אין א גרויסן בית הכנסת. די צוויי אויגן פון פיש זענען געווען אזוי ווי צוויי פענסטער, און עס איז דארט געווען אזוי ליכטיג, ווי גלייך עס וואלט דארט געברענט צוויי ליכט. רבי מאיר זאגט, אז אין די פיש איז געווען א בריליאנט, און פון דעם בריליאנט איז געווען אזוי ליכטיג, ווי גלייך די זון וואלט געשיינט אין חודש תמוז, און יונה האט אלעס געזען וואס עס איז דא אין ים.

עס ווערט געברענגט אין **פרקי דרבי אליעזר**, דער פיש האט געזאגט צו יונה: זאלסט וויסן, אז היינט איז געקומען דער טאג וואס דער לויתן דארף מיך אויפעסן. יעדן טאג עסט דער לויתן א גרויסן פיש פון ים, און עס איז באשטימט פון הקב"ה אויף יעדן טאג וועלכן פיש ער זאל עסן. און די פיש וויסן דאס פון פאראויס, האט יונה געזאגט צום פיש: "שווים מיט מיר צום לויתן, וועל איך דיר מציל זיין, און אויך מיר, ער זאל אונז נישט אויפעסן". דער פיש איז געשווימען מיט יונה צום לויתן.

האט יונה געזאגט צום לויתן: "איך בין אהער געקומען, צו זעהן דיין וואוינונג, וואו דו געפינסט זיך, ווייל לעתיד לבוא וועל איך אנבינדן א שטריק אויף דיין קאפ, און איך וועל דיך ארויסשלעפן פון ים, און צוגרייטן צו דער סעודה וואס השי"ת וועט דעמאלטס מאכן פאר די צדיקים". איז דער לויתן אנטלאפן פון דארט צוויי טאג גאנג.

[פארזעצונג נאך "אוצר הטעמים"]

א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, פאר אלע טייערע קינדער שיחיו

# כל נדרי אין די עלנדע הייזקע אינמיטן וועג

אין יענעם יאר, האט זיך ר' יענקל צוגעגרייט צו די פארכטיגע טעג, מיט א באזונדערן פארכט. איז עס דען א קלייניגקייט? – עס איז פאר אים דאס ערשטע מאל, וואס דער רבי אליין, יא, דער הייליגער רבי ישראל סטאלין'ער, רופט איהם צו זיך אויף יום כיפור...

געווען איז עס, מוצאי יום טוב שבועות, ווען ר' יענקל איז זיך געגאנגען געזעגענען פון זיין רבי'ן, נאך די צוויי געהויבענע טעג, וואס ער האט דארט זוכה געווען צו מיטלעבן. ער שפירט, אז ער פארט אהיים, כאטש מיט א טפח העכער, פון וואס ער איז ביז יעצט געווען. ער טראגט מיט זיך א פולן באגאזש - מיט תורה און יראת שמים, פון וועלכע ער וועט קענען געניסן א לענגערע צייט און אויך געבן צו פארזוכן, פאר זיינע פריינד דארט אין שטעטל, וואס האבן נישט באוויזן צו קומען קיין סטאלין, מקבל תורה זיין פון דאסניי אין דעם יום טוב פון קבלת התורה.

צו זיין וואונדער אבער, האט דער רבי געהאלטן עטוואס לענגער זיין בליק איבער זיין געזיכט און זיך אנגערופן: "מיר האפן אייך צו זעהן מיט אונז, אויך יום כיפור".

געווען איז עס א ערשטע מאל, אין די אלע יארן וואס ער פארט אלץ צום רבי'ן, וואס דער רבי האט אים געשטעלט א צייט, ווען ער זאל צוריק קומען צו אים. ר' יענקל איז געווען איבעראשט - אויב דער רבי האט איהם פערזענליך גערופן, האט עס א טיפערן באדייט. וואס זאל עס אבער מיינען? - מיינט עס, אז ער נויטיגט זיך דאס יאר אין א טיפערע תשובה און דעריבער מוז ער קומען קיין סטאלין, דארט וואו דעם רבי'נס דאווענען, ברענגט ארויף אזעלכע טרערן, וואס שווענקען אויס די נשמה? אדער אפשר מיינט עס, אז דער צדיק נויטיגט זיך אין זיין אנוועזנהייט, צוליב עפעס א אום פארשטענדליכע סיבה?

אזוי צו אזוי, האט ר' יענקל געטראגן מיט זיך דעם גאנצן זומער, אט די פערזענליכע רופעניש פון דעם רבי'ן און מיט יעדן טאג וואס איז פארביי, האט ער טיפער דערהערט, די דערנענטערונג צו די פארכטיגע טעג און אנגעהויבן זיך צוגרייטן מיט א אינערליכע הכנה, ווערד זיין כאטש אביסל, דעם פערזענליכן רופעניש פון רבי'ן.

אין יענעם יאר, האט זיך דער הערבסט אנגערוקט, אביסל פריער ווי יעדעס יאר. שוין אינמיטן אלול, האבן די בוימער אראפ געלאזט די מערהייט פון זייערע בלעטער און די שלאקס רעגנס, וואס כאראקטעריזירן אט די תקופה, האבן באגאסן דעם באשעפער'ס וועלטל, מיט גרויסע קוואנטומס וואסער.

אויב פאר די פויערן, איז דאס געווען א גוטער סימן, האט אבער ר' יענקל באטראכט מיט זארג, דעם כמעט שטענדיג פארכמארעטן הימל. עס קומט אים ארויף אין זכרון, די תפילה וואס דער כהן גדול האט געבעטן אום יום הקדוש, אין די הייליגסטע מינוטן, ווען ער האט געטאן די עבודה אין קודש הקדשים: "ואל יכנס לפניך תפילת עוברי דרכים" - עס זאלן נישט אנגענומען ווערן די תפילות פון די גייער'ס אויף די וועגן, וואס בעטן עס זאל נישט רעגענען - אין די צייט וואס די וועלט נויטיגט זיך אין דעם רעגן. יא, ער זעלבסט, איז יעצט אין אט די סיטואציע און אין צייט, וואס די וועלט פריידט זיך מיט דעם רעגן, זארגט ער גאר, ווען עס וועט זיך שוין אויפהערן און ער וועט זיך קענען ארויסלאזן קיין סטאלין.

דער רעגן, האט אבער נישט אויפגעהערט. אין דעם אכטן טאג פון תשרי, האט ר' יענקל געמוזט משלים זיין מיט דעם מצב, צו ארויס פארן קיין סטאלין אין דעם שלאקס רעגן. אויך זיין באזארגטע אשת חיל, האט אים נישט געקענט און נישט געוואלט אפהאלטן פון צו פארן, טראץ די סכנות וואס די נאסע און בלאטיגע וועגן טראגן מיט זיך. אז דער רבי רופט - ווייסט זי - מוז מען קומען. עס איז זיכער, אז אויב דער רבי רופט, וועט דער וועג דורכגיין, אי"ה, בשלום.

קיינער פון די אידישע בעלי עגלה, איז אבער נישט גרייט צו איינשטעלן און ארויסגיין אויף די וועגן, ווען עס איז בלויז א טאג פאר יום כיפור. און טאמער מען וועט, חלילה, בלייבן שטעקן, וואס וועט דעמאלט זיין? - אין אזא געהויבענע צייט, דארף מען זיין נאנט צו א בית הכנסת, וואו מען וועט קענען מתפלל זיין און בעטן אויף דעם נייעם יאר.

בלית ברירה, ווענדט זיך ר' יענקל צו א גוי'אישן קוטשער. פאר א געפעפערטן פרייז, טרעפט ער א שטארקן וואגן, וואס איז געשפאנט צו צוויי העלדישע פערד. דער קוטשער זעהט אויך אויס צו זיין א מבין און שוין אינדערפרי, לאזן זיי זיך ארויס אין וועג.

ר' יענקל זיצט אין דעם וואגן, מיט א ספר אין האנט. דער וואגן פארט לאנגזאם און פארזיכטיג. אז מען וועט פארזעצן לויט דעם ריטעם, וועט מען ערשט אנקומען קיין סטאלין, מארגן נאך דעם האלבן טאג. עס שמעקט אים נישט, ר' יענקל'ען, צו אנקומען אזוי נאנט צו 'כל נדרי'. ער וויל אריינגיין צום הייליגן טאג, מיט א געהעריגע הכנה. אבער האט ער דען א ברירה? צוויילן דעם קוטשער, קען מיינען א סכנת נפשות פאר ביידן צוזאמען.

פלוצלינג, שטעלט זיך אפ דער וואגן. ר' יענקל שפירט, ווי ער נייגט אביסל אויף לינקס און לויפט באלד אראפ, צוזאמען מיט דעם קוטשער, זעהן וואס עס איז געשעהן. ב"ה - אטעמט ער מיט פארלייכטערונג - זיי זינקען נישט אין א טיפע בלאטע. בלויז איינע פון די רעדער האט זיך אביסל צובראכן. מען וועט עס שנעל פארריכטן און קענען פארזעצן דעם וועג - האט דער קוטשער בארוהיגט.

דאס פארריכטן איז אבער נישט אנגעקומען אזוי גרינג. עטליכע שעה האט עס גענומען, ביז דער וואגן איז שוין ווידער געשטאנען פעסט, אויף אירע פיר רעדער. ר' יענקל, אינגאנצן א דורכגענעצטער, גייט אריין אינעם וואגן און האפט, אז אין די ביסל צייט וואס איז געבליבן, ביז די נאכט וועט צופאלן, וועלן זיי מצליח זיין צו איינשלינגען, א גרעסערע שטרעקע פון דעם וועג.

די נאכט איז צוגעפאלן, פריער ווי געווענטליך. אין דעם פינסטערניש וואס האט איינגעהילט די וועגן, איז נישט שייך געווען צו פארן ווייטער. האט דער קוטשער אפגעשטעלט דעם וואגן, ביי דעם נאנט'סטן גאסט הויז, זיך צו אפרוהען דורך די נאכט, אויסטרוקענען די נאסע קליידער און מארגן ארויספארן, שוין ביים באגינען, מיט פרישע כוחות. אפשר, אויב עס וועט מארגן זיין א בעסערער וועטער, וועט מען אנקומען קיין סטאלין, אביסל איידער דעם זון אונטערגאנג...

דער שווערער וועטער, האט אבער נישט נאכגעלאזט. ווען נישט, וואס דער רבי האט אים אויסדריקליך גערופן, וואלט ר' יענקל נישט איינגעשטעלט און געבליבן אין דעם נאנט'סטן שטעטל אינמיטן וועג, וואו ער וועט קענען דאווענען מיט מנין אין דעם יום הקדוש. אבער אז דער רבי האט אים פערזענליך גערופן, האט ער זיך פארט ארויסגעלאזט אין וועג, מיט גרויס האפענונג, אז עס וועט פארט באגליקן און זיי וועלן אנקומען באצייטנס.

דער הימל איז אין יענעם ערב יום כיפור, געווען באזונדער טונקל. זייער פארזיכטיג, האט דער קוטשער געפירט זיינע פערד אין די וועגן, וויסנדיג, אז איין אום-פארזיכטיגער נייגונג, קען זיי אלעמען אריינזינקען אין א זומפ. ר' יענקל קוקט מיט זארג אויף דעם הימל, וואס ווערט טונקעלער און טונקעלער. און ווען ער זעהט פלוצלינג, עפעס א הייזקע אויפ'ן וועג - קומט ער צו דעם שווערן באשלוס: מען שטעלט זיך דא אפ און מען בלייבט דא ביז איבער דעם יום הקדוש. ער האפט נאר, אז אין אט די הייזקע, וואוינען כאטש אידן.

קומענדיג נענטער צום טויער, ווערט ר' יענקל אויפגענומען - דורך א גרויסן שווארצן הונט. עס פעלט אים מער נישט אויס, צו קוקן אויף די טיהר, אויב עס איז דא דארט א מזוזה - א איד, ווייסט ער, וועט נישט האלטן אזא הונט. עס מוז זיין, אז עס וואוינט דא א גוי'אישער, שטארק פארגרעבטער פויער.

מיט גרויס באדויער, האט ער זיך זייער שנעל איבערצייגט, ווי גוט ער האט צוגעטראפן. דער אלטער פויער, וואס איז ארויסגעקומען צו דעם בילן פון דעם הונט, האט זיי ביידן באפאלן מיט קולות און זידלערייען. ווען נישט די אלטיטשקע, וואס האט זיך דערבארעמט איבער די דורכגענעצטע פאסאזשירן, וואס זענען געבליבן שטעקן אין וועג, וואלט ער זיי אינגאנצן נישט אריין געלאזט אין זיין הויז. זי האט זיי אויפגענומען, מיט א הייסע גלעזל טיי, וואס ר' יענקל האט געטרונקען, אלס "סעודה המפסקת". דען

באלד, באלד פאלט שוין צו דער הייליגער טאג, וואס ער וועט מוזן פראווען, אין אזא אומווירדיג ארט...

ר' יענקל פראבירט, צו אננעמען זיין גורל באהבה. נאך אלעמען איז ער, ב"ה, נישט געשעדיגט געווארן, אבער דאך האט דאס הארץ געווייטאגט. איך בין צו זינדיג - האט אים געפייניגט די מחשבה - פשוט נישט ווערד, צו זיין אין אזא הייליגן טאג, אין די מחיצה פון דעם צדיק. ער נעמט זיין 'מחזור', שטעלט זיך אין א ווינקל און די טרערן הויבן אן צו רינען אן אויפהער. ער געדענקט נישט, ער זאל זאגן די 'על חטא'ס, מיט אזויפיל טרערן און געוויין. דערנאך, נעמט ער זיך זאגן 'כל נדרי' שטיל, מורא האבנדיג, נישט צו דערוועקן דעם צארן פון גערעגטן פויער. ווי ער הויבט אבער אן צו זאגן די ווערטער, ווערט ער שטארק פאר'דביקות'ט. ער שפירט זיך פלוצלינג אזוי נאנט צום באשעפער, ווי ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט - א זיסקייט צוגיסט זיך אין זיינע אלע גלידער און די ווערטער ווערן געזאגט, מיט א באזונדערע ליבשאפט, צו יעדן ווארט באזונדער. ער שפירט נישט, ר' יענקל, ווי ער ווערט צוביסלעך, מער און מער צופלאמט. אט האלט ער שוין ביי קריאת שמע... "שמע ישראל" - רייסט זיך ארויס דער געשריי, פון די טיפענישן פון זיין הארץ. "ד' אחד" - ווערט די שטימע נאך העכער און טיפער... - אט זאגט ער הויך, "ברוך שם כבוד" - ווען פלוצלינג, האט זיך געהערט א געשריי.

דער געשריי פון די אלטע פויערטע, האט צוריק געברענגט ר' יענקל'ען, צום טרויער'דיגן ווירקליכקייט. ער זעצט פאר דעם דאווענען מיט די זעלבע התלהבות און ברען, אבער ער פראבירט זיך צו באהערשן, אז די ווערטער זאלן געזאגט ווערן שטיל און איז מצליח צו האלטן די שטילקייט ביז נאך שמונה עשרה. ווען ער קומט אבער אן צו די 'פיוטים', וואס ווערן אלץ געזונגען מיט אזא זיסקייט, שפירט ער ווידער נישט, ווי ער ווערט פארפלאמט און ווי די ווערטער קומען ארויס הויך פון זיין מויל.

דער קוטשער זיצט אין אנדערן זייט פון צימער און הערט זיך צו מיט עהרע-פארכט, צו די תפילה פון דעם איד. אויך דער פויער שטערט אים נישט, ער איז פארנומען אין צווייטן צימער, וואו ער איז מיט זיין אלטיטשקע, וואס פילט זיך פלוצלינג נישט אזוי גוט. דער קול פון דעם הארציגן דאווענען, דערגרייכט ביז אינעווייניג און דער פויער איז גראדע צופרידן דערפון. אפשר וועט די תפילה פון דעם איד, ברענגען א רפואה פאר זיין אלטע פרוי?

ווען ר' יענקל האט שוין געהאלטן ביים ענדע דאווענען און אנגעהויבן זאגן תהלים מיט גרויס ברען און באגייסטערונג - איז דער פויער ארויס פון אינעווייניגסטן צימער: "מיין פרוי פילט זיך שטארק נישט גוט. די גאנצע צייט, איז זי געזעצן אונטער די טיהר און זיך צוגעהערט צו דיינע תפילות. און פלוצלינג, פלוצלינג איז זי פאר'חלש'ט געווארן" - זאגט ער - "איך וועל צוגיין רופן דעם דאקטער, פון דעם נאנט'סטן שטעטל, וואס איז נישט אזוי נאנט. נאך גוט וואס דער רעגן האט כאטש נאכגעלאזט, וועל איך האפנטליך, זיך אומקערן מיט דעם דאקטער, איידער עס וועט זיין צו שפעט..."

עס ווייטאגט זיין הארץ, אויף די גוט-הארציגע אלטיטשקע, וואס איז פלוצלינג אזוי קראנק געווארן. לויט די בקשה פונעם אלטן פויער, גייט ער אריין אין צימער, זעהן וואס זי מאכט. אבער ווי זי זעהט זיין געשטאלט, הויבט זי זיך אביסל אויף און הויבט אן צו רעדן, מיט א ציטערדיגע שטימע:

"ר' איד" - וויינט איהר שטימע - "איך מוז אייך זאגן, א וויכטיגע זאך. איך שפיר, אז מיינע שעה'ן אוויף דער וועלט זענען געציילטע און איך מוז אייך עפעס דערציילן..."

א דערציטערטער, גייט ר' יענקל צו אביסל נענטער. די פרוי הויבט אן, טיף צו קרעכצן.

"איך בין א אידישע טאכטער" - צואוויינט זי זיך - "איך בין געווען זיבן-אכט יאהר, ווען א גרויסע גרופע פויערן פון גאנצן ארומיגן געגנט, זענען אנגעפאלן אונזער אידישע שטעטל, מיט א שווערן פאגראם. זיי האבן גערויבט, געמארדעט, גע'שחט'ן, ווער עס איז זיי נאר געשטאנען אין וועג... מיין גאנצע פאמיליע איז ערמארדעט געווארן אויף קידוש ה', נאר איך בין געבליבן לעבן און גענומען געווארן צו א פויערישע פאמיליע, וואס האבן זיך דערבארעמט איבער מיר.

איך בין געווען אין א שווערן צושטאנד. וואכן האב איך געשוועבט, צווישן לעבן און טויט. און ווען איך האב ענדליך דורכגעלעבט דעם שווערן קריזיס, איז מיין פארגאנגענהייט געבליבן פארנעפלט, אין א פארשטופטן ארט אין מיין מוח. איך בין געבליבן דארט, ביי די משפחה וואס האט געראטעוועט מיין לעבן. צוביסלעך איינגאנצן פארגעסן, אז איך בין א טאכטער צו דעם אויסדערוועלטן אידישן פאלק און זיך געלאזט פירן דורך זיי מיין לעבן.

ווען איך בין געקומען צום שידוכים עלטער, האבן זיי מיר חתונה געמאכט צו א דארטיגן פויער. נישט גרינג איז דער לעבן פון א פויערטע - מען איז נאכאנאנד פארנומען, מען הארעוועט שווער פון באגינען ביז ביינאכט, נישטא אפילו צייט צו טראכטן, פון דעם אמת'ן ציל אין לעבן...

און אזוי זענען אריבער אויף מיר, מיינע לעבנס טעג" - האט זי געיאמערט - "און דא, פלוצלינג, זענט איר געקומען. איר האט אנגעהויבן זאגן "כל נדרי" און די ווערטער האבן זיך געהערט אזוי באקאנט... פלוצלינג האט זיך דער געשטאלט פון מיינע עלטערן געשטעלט פאר מיינע אויגן: איך האב געזעהן מיין טאטן אין דעם ווייסן קיטל, פונקט אזא, ווי איר טראגט יעצט; ווי ער בענטשט יעדן קינד, מיט זודיגע טרערן; די מאמע, ווי זי גיסט טרערן ביי די ליכט... עס האט אנגעהויבן אזוי צו בענקען, נאך מיין אמת'ן אפשטאם... און ווען איך האב געהערט ווי איר שרייט "שמע ישראל", האב איך אנגעהויבן צו באגרייפן, אין וועלכן טיפן אפגרונד איך געפין זיך. איך האב נישט געקענט אויסהאלטן אט דעם צער און פאר'חלש'ט געווארן..."

ר' יענקל שטייט, ער הערט אירע ווערטער און דאס הארץ ווייטאגט אזוי, אויף די פארוואגלטע אידישע נשמה. אצינד האט ער שוין פארשטאנען, פארוואס ער האט געדארפט פארן, דוקא דעם יאר צום רבי'ן, אויף יום כיפור. פארן - אבער נישט אנקומען, פארן און בלייבן שטעקן, דארט וואו א אידישע נשמה איז טיף פארזונקען און איר העלפן, זיך צו ארויס דראפען פון דארט...

"איך שפיר" - איז די שטימע שטילער געווארן - אז אט אט, גיי איך זיך געזעגענען פון אט די זינדיגע וועלט. איך בעט אייך, ר' איד, זאגט מיר, איז דא א מעגליכקייט, איך זאל זיך יעצט אומקערן צו מיין פאלק, צו מיין אפשטאם, אז דארט, אין דעם אמת'ן וועלט, זאל איך זיך צוריק טרעפן מיט מיינע זעליגע עלטערן?

ר' יענקל שפירט, ווי א קנויל שטיקט אים ביים האלז. קוים וואס ער איז מצליח צו באהערשן זיין געוויין און זאגט: "זאגט מיר נאך, ווארט ביי ווארט".

ער זאגט "שמע ישראל" - דער פסוק, וואס באגלייט דעם איד, וואו ער שטייט און גייט; דער פסוק, מיט וועלכע ער לעבט; דער פסוק, מיט וועלכע ער געזעגנט זיך פון דעם לעבן...

און אינדרויסן, הערט אויף צו רעגענען... דער מאן קומט צוריק מיט דעם דאקטער, וואס האט באלד פעסט געשטעלט, אז זי איז שוין אריבער לעולם שכולו טוב.

און ווען ר' יענקל איז מצליח צו באקומען זיין צושטימונג, צו ברענגען די אום-גליקליכע אידישע נשמה צו קבר ישראל, ווייסט ער, אז ער האט ערליך אויסגעפירט זיין שליחות.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## ***יום כיפור שחל בשבת***

*די גמרא זאגט: "אלמלא שמרו ישראל ב' שבתות מיד נגאלין". ווען אידישע קינדער וואלטן ווען אפגעהיטן צוויי שבתות, וואלטן זיי באלד אויסגעלייזט געווארן.*

*קען זיין א רמז, אז די גמרא איז מרמז, אז ווען יום הכיפורים געפאלט אויס אין שבת קודש, וואס דעמאלטס איז דאס גלייך ווי צוויי שבתות, ווייל סיי דער שבת און סיי יום כיפור,ביידע ווערן אנגערופן מיט דעם זעלבן נאמען "שבת". אויב מען וועט אפהיטן דעם שבת, וואס איז יום כיפור, דעמאלטס וועלן זיי באלד אויסגעלייזט ווערן.*

*(בני יששכר)*

# אוצר הטעמים

## ערב יום הכיפורים

### פארוואס טיילט מען אסאך צדקה?

די קול פון די געלט ווארפעריי, וואס אידןווארפן אריין אין די פושקעס, ערב יום הכיפורים, דאס טוט צומישן אלע מקטרגים.

*(פאר לישרים בשם הבעש"ט זי"ע)*

### פארוואס טיילט דער גבאי מזונות מיט בראנפן?

עס איז א מנהג ישראל, אז דער גבאי פון בית המדרש טיילט אויס אום ערב יום הכיפורים, נאכן דאווענען שחרית, מזונות מיט בראנפן, און יעדער וואס נעמט, זאגט: אויב עס איז ח"ו נגזר געווארן אויף מיר, אז איך זאל דאס יאר דארפן הנאה האבן פון צדקה, זאל איך דערמיט אפקומען.

*(ליקוטי מאיר בשם ס' נהורא שלים)*

נאך א טעם שטייט, אז אויב דער גבאי האט בשוגג נהנה געווען פון קהל'ס צדקה קאסע, דערפאר טיילט ער יעצט מזונות פאר די מענטשן פון קהל, אז זיי זאלן פון אים הנאה האבן, און דורך דעם וועלן זיי אים מוחל זיין.

*(ליקוטי מאיר בשם ס' נהורא שלים)*

### פארוואס איז מען מחויב צו עסן ערב יוהכ"פ?

רב חייא בר רב מדפתי האט געלערנט: עס שטייט אין די תורה (ויקרא כג, לב) "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב", און איר זאלט פייניגן אייער גוף אין די נאכט פון דעם ניינטן טאג אין חודש. פרעגט די גמרא "וכי בתשעה הם מתענין", צי פייניגט מען זיך אין דעם ניינטן טאג אין חודש תשרי, "והלא בעשירי מתענין" מען פאסט דאך נאר אין דעם צענטן טאג אין חודש תשרי. ענטפערט די גמרא, "אלא לומר לך", אז דער פסוק קומט אונז זאגן, אז "כל האוכל ושותה בתשעה", יעדער וואס עסט און טרינקט אין דעם ניינטן טאג אין חודש תשרי, "מעלה עליו הכתוב" רעכנט אים די תורה, "כאילו מתענה תשיעי ועשירי", גלייך ווי ער וואלט געפאסט צוויי טעג, אין דעם ניינטן און אין דעם צענטן טאג.

*(ברכות ה: פסחים סח: יומא פא:)*

עס ווערט געברענגט נאך א שיינער טעם, וויבאלד דער עיקר תענית וואס ווערט גערעכנט ווי א קרבן, איז פון "מיעוט חלבינו ודמינו". אבער אז די אכילה איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, קען דאך דער מיעוט החלב נישט גערעכנט ווערן, ווייל דאס איז דאך סיי ווי געווען שלא בקדושה. פאר דעם איז דער חוב מען זאל עסן בקדושה, און אזוי ארום קען זיין א ריצוי פון חלבינו ודמינו מיט דעם תענית אין יוה"כ.

*(הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע)*

### פארוואס עסט מען קרעפלעך?

דער מנהג איז אז ערב יום כיפור עסט מען קרעפלעך, טייג אנגעפולט מיט פלייש. דער טעם דערפון איז, ווייל יום טוב דארף מען עסן פלייש, און ערב יום כיפור איז אויך יום טוב, נאר עס איז באהאלטן, מען מעג טאן מלאכות, דעריבער באהאלט מען אויך דאס פלייש.

*(ליקוטי מהרי"ח בשם ס' סגולות ישראל)*

נאך א טעם: ווייל מיט דעם וואס מיר עסן ערב יום כיפור, וואס דאס עסן איז אן הכנה, אז מען זאל יום כיפור קענען פאסטן. אזוי ווי חז"ל זאגן, אז דאס עסן ווערט גערעכנט ווי מען וואלט וועגן געפייניגט דעם גוף. ווייזט מען דערמיט, אז אזוי ווי דאס פלייש וואס איז מרמז אויף דינים, איז באדעקט מיט טייג וואס איז מרמז אויף רחמים, אזוי זאל השי"ת אויך באדעקן די דינים פון אידישע קינדער מיט רחמים.

*(זרע קודש)*

### פארוואס צינדט מען א נר חיים?

ס'איז איינגעפירט אז מ'צינדט אין יעדן שטוב א באזונדער ליכט, וואס מען רופט "דאס געזונטע ליכט". און עס איז גענוג איין ליכט פארן גאנצן הויזגעזונד. עס קען זיין א רמז, "נר" איז בגימטריא 250, כנגד רמ"ח אברים צוזאמען מיט דער רוח ונשמה.

*(מהרי"ל)*

### פארוואס בענטשט מען די קינדער?

ווייל דעמאלטס רוהט שוין די הייליגקייט פונעם קומענדיגן טאג, און די טויערן פון רחמנות זענען שוין געעפנט געווארן, איז לייכטער אז די תפילות און ברכות פון טאטן זאלן אנגענומען ווערן.

*(חיי אדם)*

## יום הקדוש

### פארוואס פאסט מען יום כיפור?

ווייל השי"ת איז דער גרויסער בעל הרחמים, און האט ליב זיינע קינדער, דערפאר האט ער באשטימט יעדעס יאר א "יום הכיפורים", וואס זאל זיין "למחילה ולסליחה ולכפרה" אויב מען טוט תשובה. און וויבאלד דאס עסן און טרינקען זענען מעורר דעם מענטש ער זאל נאכגיין די תאוות, וועט פון דעם מענטש בטל ווערן די צורה פונעם נפש וואס זוכט נאכן אמת, וואס דאס איז די עבודה צו השי"ת. דערפאר פאסט נישט אז אין דעם טאג ווען מען משפט דעם מענטש, אז ער זאל דעמאלטס עסן און טרינקען, וואס פארטונקלט דעם נפש און פארמישט אים פון צו זוכן דעם אמת, ווייל מען משפט דעם מענטש נאר לויט זיינע מעשים פון יעצט. דערפאר דארף מען שטארקן דעם נפש און אונטערדריקן דעם גוף, כדי מען זאל זיין ראוי מקבל צו זיין די כפרה.

*(ספר החינוך מצוה שי"ג)*

### פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויפן פאסטן?

ווייל די מצוה פון פאסטן איז נאר א "שב ואל תעשה", דערפאר קען מען נישט מאכן א ברכה דערויף.

*(אבני נזר)*

### פארוואס טוט מען אן א קיטל?

קען זיין דער טעם, ווייל מיט דעם ווייזן מיר, אז מיר זענען גלייך צו די מלאכים, אזוי ווי זיי האבן נישט קיין יצה"ר האבן מיר אויך נישט קיין יצר הרע אין דעם הייליגן טאג.

נאך א טעם: ווייל ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט טוט מען אים אן מיט ווייסע קליידער אזוי ווי א קיטל. דערפאר טוט מען

דאס אן יום כיפור, אז דער מענטש זאל געדענקן אז מען לעבט נישט אויף אייביג, עס קומט א צייט וואס מען דארף אפגעבן דין וחשבון, ווערט מען ביי זיך צובראכן און מען טוט תשובה.

*(רמ"א או"ח סי' תר"י ס"ד)*

נאך א טעם: ווייל דאס איז א רמז צו דעם וואס השי"ת מאכט ווייס אונזערע עבירות, דורכדעם וואס ער איז אונז מוחל אויף זיי. ווייל עבירות ווערן אנגערופן רויט, וועו מ'מעקט דאס אויס ווערן זיי ווייס.

*(פ"ח סי' תקפ"א בשם מהרש"ל)*

נאך א טעם: ווייל מיר זאלן אויסזעהן ווי דער כהן גדול וואס האט געטוהן די עבודה אין יום הכיפורים מיט די ווייסע בגדים.

*(ישמח משה)*

# כל נדרי

## פארוואס מאכט מען אויף דעם ארון הקודש?

דאס ענין פון אויפמאכן דעם ארון הקודש, און דאס לאזן אפן, און ארומרינגלען די בימה, איידער מען הייבט אן צו זאגן "כל נדרי", איז, אז די טויערן פון תשובה זאלן זיך עפענען אין הימל, און מעלה זיין אלע הייליגע ניצוצות וואס זענען צושפרייט געווארן, זיי צוריק צו ברענגען צו זייער שורש.

*(אמרי נועם)*

## פארוואס בעט מען איבער די הייליגע תורה?

עס איז א מנהג ישראל, איידער מען גייט אריין אין דעם פארכטיגן טאג, נעמט מען ארויס די ספר תורה פון היכל, מען האלדזט און מען קושט און מען נעמט ארום דעם ספר תורה מיט שמחה און התלהבות, ווי קליינע קינדער וועלכע קלאמערן זיך צו זייער מוטער'ס שויס. דאן בעט מען איבער די תורה הקדושה אויף אלעמען וואס מען האט געזינדיגט קעגן איר. לויט ווי עס ווערט ערקלערט אין כתבי האריז"ל, איז דער ענין דערפון, איינס פון די גרעסטע תיקונים פאר די חטאת נעורים, און מיט דעם איז מען מעלה אלע ניצוצות הקדושות, וועלכע מען האט דערנידערט דורך די זינד צו די כוחות הטומאה.

*(דברי יואל מוצאי יום כיפור)*

## פארוואס זאגט מען "כל נדרי"?

די גמרא זאגט (נדרים דף כ"ג:), אז דער וואס וויל אז זיינע נדרים פון א גאנצן יאר זאל בטל ווערן, זאל זאגן אין ראש השנה: יעדע נדר וועלכע איך וועל מנדר זיין אין די צוקונפט, זאל שוין פון יעצט זיין בטל. און דאס איז א "מסירת מודעה", מען לאזט באקאנט מאכן אויף די נדרים וועלכע וועלן זיין אין די צוקונפט און עס ניצט צו מבטל זיין יעדע נדר, אפילו בשעת ווען ער מאכט דעם נדר פארגעסט ער פון די "מודעה" וועלכער האט שוין פון פאראויס איבערגעגעבן. און דער טעם דערצו, פארוואס עס איז אזוי, ווייל מיר רעכענען זיך דערמיט, אז אויב דער מענטש וואס מאכט דעם נדר וואלט בשעת מעשה געדענקט, אז ער האט שוין אין אמת'ן פון פאראויס געלאזט וויסן, אז ער וויל נישט נעמען אויף זיך גאר קיין נדרים, וואלט ער באלד אויפן פלאץ חרטה געהאט, און זיך אפגעשיידט פון צו זאגן דעם נדר, און דערפאר הייסט דער גאנצער נדר, אזוי ווי א טעות.

און כאטש די גמרא זאגט, אז מען זאל אנהייב יאר מתיר נדר זיין, פונדעסטוועגן, זענען מיר ערשט מתיר נדר אום יום הכיפורים. דער טעם דערפון איז ווייל יום הכיפורים ווערט אויך אנגערופן ראש השנה, נאך קען מען זאגן, אז ווייל יום הכיפורים איז דא מער מענטשן אין שוהל, ווייל אום יום כיפור טאר מען נישט טוהן קיין שום ארבעט אפילו נישט אנצוגרייטן קיין עסן, דערפאר דעמאלטס איז די ריכטיגע צייט, אז דער חזן זאל מוסר מודעה זיין אויף גאנץ קהל, פון דעם יום הכיפורים ביז צום קומענדיגן יום הכיפורים, אז אלע נדרים זאלן בטל ווערן.

*(תוס' נדרים כג:)*

## פארוואס זאגט מען דריי מאל כל נדרי?

דער סדר פון זאגן "כל נדרי" איז אזוי: דער שליח ציבור הייבט אן צו זאגן דאס ערשטע מאל "כל נדרי" מיט א נידריגע שטימע און דער קהל זאגט מיט אויך מיט א נידריגע שטימע, דאס צווייטע מאל אביסל העכער, דאס דריטע מאל גאנץ הויך.

דער טעם דערפון איז, ווייל דעמאלטס וועט זיך דאס דערהערן מיט א פארכט און שרעק. אויך ווייל שטענדיג איז דאס דער לשון פון די חכמים, אז מען טוט יעדע זאך איבער דריי מאל.

נאך א טעם: ווייל התרת נדרים איז אנטקעגן דעם וואס ווען דער חכם איז מתיר דעם נדר זאגט ער דריי מאל "מותר לך". אויך דערפאר שטייען דריי מענטשן ווען מען זאגט "כל נדרי" פארן עמוד - דער שליח ציבור, און צוויי חשוב'ע מענטשן - ווייל עס זאל אויסזעהן ווי ביי התרת נדרים, וואס מען דארף האבן דריי מענטשן.

*(מהרי"ל)*

## פארוואס זאגט מען הויך "ברוך שם"?

ווייל ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל, האט ער געהערט די מלאכים לויבן השי"ת, און זיי זאגן "ברוך שם וכו'" און ער האט דאס אראפגעברענגט אויף דער וועלט, און האט באפוילן, אז מען זאל דאס זאגן שטילערהייט. א משל: צו א מענטש וואס האט גע'גנב'ט א זאך פון דעם פאלאץ פון דעם קעניג, און האט דאס געגעבן פאר זיין ווייב, האט ער איר געהייסן, אז זי זאל זיך נישט באצירן דערמיט צווישן מענטשן, נאר באהאלטענערהייט אין שטוב. אזוי אויך, א גאנץ יאר זאגן מיר דאס שטילערהייט, אבער יום כיפור וואס מיר זענען גלייך צו די מלאכים, זאגן מיר דאס אין די עפנטליכקייט און א הויכע שטימע.

*(לבוש סי' תרי"ט ס"ב)*

# סדר הוידוי והתפילות

## פארוואס זאגט מען וידוי אויפן סדר פון אל"ף בי"ת?

מען קען דאס מסביר זיין מיט א משל: א קעניג האט געהאט א ווייב וואס האט גערעדט שלעכט'ס אויף דעם קעניג, ביז דער קעניג האט איר פארטריבן, און זי איז אוועק אויף א ווייטן פלאץ, עס איז אדורך א לאנגע צייט וואס זי איז פארטריבן געווארן און עס איז איר געווארן זייער ביטער אויפן הארץ, האט זי אנגעהויבן צו באקומען חרטה אויף דעם וואס זי האט גערעדט שלעכט'ס אויף איר מאן דער קעניג. וואס האט זי געטאן? זי איז געקומען צום קעניג און זי האט גענומען דעם פידל וואס מען האט דערמיט געזינגען ביי זייער חתונה, און זי האט געשפילט דערמיט פארן קעניג, און בשעת זי האט געשפילט דערמיט, האט זי זייער שטארק געוויינט פארן קעניג, אז ער זאל איר מוחל זיין, ווייל זי וויל זיך יעצט איבער-בעטן מיט אים, ביז דער קעניג האט רחמנות באקומען אויף איר, און ער האט זיך דערמאנט דאס ליבשאפט וואס ער האט געהאט ביי זייער חתונה, און ער האט איר מוחל געווען.

דער נמשל איז פארשטענדליך: דער קעניג איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דאס ווייב זענען מיר אידישע קינדער, וואס השי"ת האט אונז מקדש געווען ביים בארג סיני בשעת מתן תורה ווען

ער האט געגעבן די הייליגע תורה. און ווען מיר האבן געזינדיגט אנטקעגן אים, האט השי"ת אונז פארטריבן אין גלות צווישן אלע פעלקער, דא אין גלות געדענקען מיר דאס הייליגקייט וואס מיר האבן געהאט ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען, און יעצט וואס מיר זענען אין די טמא'נע לענדער פון די גוים, האבן מיר געטראכט, אז מיר ווילן נעמען דעם פידל וואס מען האט געזינגען בשעת מתן תורה, דאס איז דער אל"ף בי"ת, וואס דורך דעם אל"ף בי"ת האט מען געגעבן די תורה, און מיט דעם אל"ף בי"ת זאגן מיר יעצט די וידוי, ביז השי"ת וועט רחמנות האבן אויף אונז אידישע קינדער, ווען ער וועט פאר אונז געדענקען דאס ליבשאפט פון אונזער חתונה - דעם טאג פון מתן תורה - און ער וועט אונז אויסלייזן פון גלות.

*(תפארת עוזיאל)*

דעם סדר פון דעם וידוי זאגט מען אויף דעם סדר פון אל"ף בי"ת. די כוונה דערפון איז, מטהר זיין די צוויי און צוואנציג אותיות פון די תורה, וואס זענען נפגם געווארן דורך זיינע עבירות, און מקבל זיין דעם גזירת הדין און מטהר זיין זיינע מידות.

*(תוצאות חיים מבעל ראשית חכמה)*

### פארוואס זאגט מען וידוי איינגעבויגן?

די וידוי זאגט מען שטייענדיג. עס איז גליך אז מען זאל זיך איינבייגן ווען מען זאגט די וידוי. דער טעם דערפון שטייט אין ספר השל"ה, לויט ווי חז"ל זאגן, אז ווער עס בוקט זיך נישט אזוי ווי ביי "מודים", וועט זיין שדרה ווערן ווי א שלאנג. זעהען מיר דערפון אז מען דארף זיין איינגעבויגן ווי א שלאנג. דערפאר איז די שטראף מדה כנגד מדה, אז זיין שדרה ווערט ווי א שלאנג.

דערפאר בשעת ווען מען זאגט די וידוי אויף די עבירות וואס קומען דורכן שלאנג [נחש הקדמוני], וואס איז דער שטן. בייגט מען זיך איין ווי א שלאנג, און מען איז מתקן אויף דעם זעלבן וועג ווי מען האט פארדארבן. עס איז ראטזאם דאס אינזין צו האבן ווען מען איז איינגעבויגן ווען מען זאגט די וידוי.

*(אלף המגן סי' תר"ז סק"ח)*

### פארוואס קלאפט מען אויפן הארץ ווען מ'זאגט וידוי?

ווייל מען איז דערמיט מרמז פאר דעם הארץ, אז דו האסט דאס גורם געווען אז איך זאל זינדיגן.

*(מטה אפרים)*

### פארוואס דערמאנט מען יום הכיפורים אלע עבירות?

מען קען זאגן א טעם פארוואס ראש השנה טאר מען נישט דערמאנען קיין שום עבירה, אבער יום הכיפורים איז א מצוה אז מען זאל דערמאנען אלע עבירות. ווייל ראש השנה פירט זיך השי"ת ווי א קעניג, וואס די הלכה איז, אז א קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, אבער יום הכיפורים פירט השי"ת די וועלט מיט די מדה פון רחמנות, ווי א טאטע וואס האט רחמנות אויף זיינע קינדער. דערמאנען מיר אונזערע אלע עבירות, כדי השי"ת זאל אויף אונז רחמנות האבן און זאל אונז אלעס מוחל זיין.

*(אמת ליעקב)*

### פארוואס זאגט מען ביי אלע תפילות "כתר"?

ווייל אין דעם הייליגן טאג זאגט מען אסאך שירות ותשבחות פאר השי"ת, ווערט השי"ת דערהויבן, אז די מלאכים פרעגן "איה מקום כבודו" - וואו איז דאס פלאץ וואו דער כבוד פון השי"ת רוהט - וואס מען זאגט ביי "כתר". דערפאר זאגט מען ביי אלע תפילות "כתר".

*(מטה משה)*

נאך א טעם, ווייל השי"ת משפט א גאנצן טאג די וועלט, בעט מען זיך: "ממקומו הוא יפן ברחמים", וואס עס שטייט ביי "כתר".

*(מגן אברהם)*

## קריאת התורה

### פארוואס לייענט מען די פרשה פון אחרי מות?

די קינדער פון אהרן הכהן זענען געשטארבן א' ניסן, אויב אזוי, פארוואס לייענט מען זייער פטירה אין יום כיפור? נאר עס קומט אונז לערנען, פונקט אזוי ווי יום הכיפורים איז מכפר פאר די אידן, אזוי אויך מיתת צדיקים איז מכפר פאר די אידן.

*(ירושלמי יומא ל"ח:)*

## תפילת מוסף

### פארוואס זאגט מען די עבודה פונעם כהן גדול?

ווייל עס שטייט אין פסוק (הושע י"ד ג'): "ונשלמה פרים שפתינו", דורך דעם וואס מען זאגט מיט די מויל, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי מען טוט די עבודה. דעריבער היינט ווען מיר האבן נישט דעם ביהמ"ק צו קענען טוהן די הייליגע עבודה, זאגט מען דאס מיט די מויל.

*(שבלי הלקט סי' ש"כ)*

### פארוואס פאלט מען נישט כורעים אין שבת?

מען קען מסביר זיין דעם ענין, לויט וואס ס'ווערט געברענגט פון הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע, אויף דעם נוסח וואס מיר זאגן ביי נשמת, "וכל ברך לך תכרע וכל קומה לפניך לבד תשתחוה", פארוואס ביי די לשון פון וכל קומה, שטייט "לבד", און ביי די לשון פון וכל ברך שטייט נישט לבד. נאר ווייל עס איז דא צוויי סארט השתחויות, איינס אז מען בוקט זיך מיט די קניה, און די צווייטע סארט השתחויה, איז אפילו באמת איז מען אויפגעשטעלט, אבער אינעווייניג אין הארץ איז מען זיך מכניע. אין די בחינה פון השתחויה נאר אינעווייניג אין הארץ, דאס איז נאר "לפניך לבד", אבער פאר א מלך בשר ודם קען מען זיך נישט אזוי בוקן.

שבת איז דא א עקסטערע הכנעה, אזוי ווי דער "מלא הרועים" שרייבט אין זיין ספר "קול יעקב" (פר' מטות), אז שבת איז משפיע ענוה און שפלות רוח. "שבת" איז אויך די אותיות "בשת", ד.מ. בושה און הכנעה.

דעריבער ווען שבת איז זיך מצרף מיט יום כיפור, דארף מען נישט פאלן כורעים, ווייל דער עיקר איז די השתחויה אין הארץ, און דאס איז דאך שוין במילא דא ווען ס'איז שבת.

*(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, תשס"ה)*

### פארוואס דערמאנט מען די "עשרה הרוגי מלכות"?

די גמרא זאגט (שבת ק"ה:): "כל המוריד דמעות על אדם כשר מוחלין לו כל עונותיו", איינער וואס פארלאזט טרערן אויף אן אדם כשר, איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות. דעריבער איז זייער פארשטענדליך, אויף דאס וואס מען זאגט דעם פיוט אין יוה"ק, ווייל ווער וויל דען נישט נוצן נאך אזא כח און אזא געלעגנהייט פון "מוחלין לו כל עונותיו". און עס איז א קל וחומר, המוריד דמעות אויף די הרוגי מלכות, וואס עס איז נישט פאראן נאך אזא גלייכן, איז זיכער אז הקב"ה איז אים מוחל די עבירות, און דאס איז כדאי צו מכריע זיין לכף זכות.

*(אדר"ת)*

## תפילת מנחה

### פארוואס לייענט מען "מפטיר יונה"?

פון דעם לערנט מען, אז אויב מען האט עובר געווען אן עבירה, קען מען נישט אנטלויפן פון השי"ת, אזוי ווי מיר זעהען ביי יונה.

*(אבודרהם)*

### פארוואס דאווענט מען שנעל מנחה?

טייל צדיקים האבן זיך געפירט, אז זיי האבן צוגעיאגט דעם מנחה, כדי זיי זאלן קענען דאווענען נעילה מיט גרויס דביקות.

*(אור האמת)*

הגה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע האט געזאגט, אז צוויי מאל אין יאר דארף מען צו דאווענען שנעל, און דער יצר הרע שטארקט זיך, אז יעצט זאל מען דאווענען געלאסן. איין מאל איז ביי מנחה יום הכיפורים, און איינמאל שחרית ערב פסח.

*(מחזור דברי יואל)*

## תפלת נעילה

### פארוואס רופט מען די תפילה "נעילה"?

דער בית יוסף ברענגט א מחלוקת פון ירושלמי, צווישן רב און רבי יוחנן. רב זאגט, אז "נעילה" מיינט מען שפארט דעמאלטס די טויערן פון הימל, דערפאר לויט די שיטה מעג מען ענדיגן דאווענען תפילת נעילה אפילו ביינאכט אויך. רבי יוחנן זאגט, אז "נעילה" מיינט מען שפארט צו די טויערן פונעם היכל, וואס די צייט דערפון איז געווען נאכדעם וואס מען האט אנגעצינדן די מנורה נאכמיטאג, און לויט די שיטה מוז מען ענדיגן "נעילה" ווען ס'איז נאך טאג.

*(שו"ע או"ח סי' תרכ"ג ובמג"א שם)*

נאך א טעם שטייט פון הרה"ק רבי ר' צבי הירש הכהן מרימנוב זי"ע, ווייל דעמאלטס איז די צייט וואס די צדיקים פונעם דור שפארן זיך איין צוזאמען מיט הקב"ה אליין אין א באזונדערן היכל, וואס איז שטארק פארשפארט, און מען גיבט נישט קיין שום רעכט פאר קיינעם פון די מקטרגים דארט אריין צו גיין.

*(בארת המים)*

### פארוואס זאגט מען "ה' הוא האלקים"?

רבי יהודאי גאון זאגט: תיכף נאך נעילה, איידער מען הייבט אן צו דאווענען מעריב, זאל דער חזן זאגן זיבן מאל הויך: "ה' הוא האלקים", כדי ארויף צו באגלייטן די הייליגע שכינה העכער די זיבן הימלען.

*(באר היטב)*

### פארוואס בלאזט מען שופר?

דער טעם פארוואס מען בלאזט שופר ביים סוף טאג פון יום הכיפורים, נאכן זמן מוצאי שבת, איז, ווייל דאס איז א סימן, אז ביז יעצט איז די שכינה געווען דא אויף דער וועלט מיט אונז, און יעצט האט זיך דאס אפגעטאן פון אונז, ארויף צוריק אין הימל. ווי עס שטייט אין פסוק "עלה אלקים בתרועה ה' בקול שופר", השי"ת איז ארויף געגאנגען מיט דעם שאלונג פון שופר, דעריבער בלאזט מען אויך יעצט שופר.

*(טורי זהב)*

נאך א טעם: ווייל ביז יעצט האט דער יצר הרע נישט געוועלטיגט, און נאך יום כיפור קומט ער שוין צוריק, וויל מען אים פארמישן מיט דעם שופר בלאזן, ער זאל זיך דערמאנענען, אז עס וועט קומען דער טאג וואס מען וועט בלאזן מיט א גרויסן שופר, און ער וועט דעמאלט שטארבן.

*(לבוש)*

דער מנהג צו בלאזן שופר מוצאי יום כיפור, איז צוליב דעם וואס מען איז נישט בקי אין דעם חשבון פון יובל, האט מען איינגעפירט מען זאל בלאזן יעדעס יאר איין תקיעה, אלס זכר צו יובל.

*(ספר תניא רבתי)*

## מוצאי יום הכיפורים

### פארוואס איז מען מקדש די לבנה דוקא מוצאי יו"כ?

דער מהרי"ל פלעגט נישט מקדש זיין די לבנה אין תשרי, נאר ערשט נאך יום כיפור. ווייל ביז דעמאלטס איז מען דערשראקן פונעם דין, און מ'האט נישט קיין שמחה, און קידוש לבנה דארף מען מאכן מיט שמחה.

*(דרכי משה)*

נאך א שיינער טעם, שטייט פון הגאון רבי שלמה קלוגער זי"ע, ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ראש השנה, אין וועלכן יו"ט איז די לבנה צוגעדעקט? דאס איז ראש השנה. און די מקובלים ערקלערן דאס, אז דער שטן אויבן דעקט צו די לבנה, אדער ווי אנדערע זאגן, אז די לבנה באהאלט זיך, זי וויל נישט קומען עדות זאגן קעגן די אידן. קומט אויס אז די לבנה אנטפלעקט זיך נישט דורך די ימי הדין, און נאר ערשט נאך יו"כ ווערט די לבנה אנדעקט אויבן, און אפילו אז מ'זעהט די לבנה אונטן, אבער אויבן איז עס צוגעדעקט, און וועגן דעם איז נישט די צייט, אז מ'זאל מקדש זיין די לבנה דעמאלטס.

*(חכמת שלמה)*

### פארוואס עסט מען א סעודה מוצאי יום כיפור?

שטייט אין מדרש, אז מוצאי יום הכיפורים גייט ארויס א בת קול אין הימל, און רופט אויס: "גייט עסן אייער ברויט מיט א פרייד, ווייל השי"ת האט שוין באוויליגט אייערע מעשים". דער בת קול הערט מן הסתם יעדער לויט זיין מדריגה.

די סעודה וואס מען עסט מוצאי יום כיפור, איז נאר א מנהג פון אלע אידן, צוליב דעם וואס השי"ת האט מוחל געווען אלע אונזערע עבירות, האבן מיר דאס געמאכט פאר אונז פאר א יום טוב. אזוי ווי איינער וואס האט אויף איינמאל פארדינט א גרויסע סומע געלט וואס ער האט זיך נישט געפלאגט דערויף, מאכט ער דעמאלטס א סעודה פאר זיינע גוטע פריינד, אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים צו זיין סעודה. אזוי אויך ווען דער בת קול רופט אויס אין הימל, "גייט עסן אייער ברויט מיט פרייד", מאכן מיר דעמאלטס א סעודה.

*(תורת אמת למוצאי יוה"כ)*

### המשך "אוצר הידיעות"

האט יונה געזאגט צום פיש: "איך האב דיר געראטעוועט פונעם לויתן, זאלסטו מיר ווייזן אלעס וואס איז דא אין ים". דער פיש האט אים געוויזן דעם ים אוקינוס, דער ים סוף, דער גיהנם, אויך דעם אבן שתיה און די קינדער פון קרח ווי זיי שטייען אויף אים און בעטן צו השי"ת. ווי יונה האט דערזעהן, אז די קינדער פון קרח שטייען און בעטן צום באשעפער, האט יונה אויך אנגעהויבן בעטן דעם באשעפער אז ער זאל אים ארויסנעמען פון דעם פיש. יונה האט אויף זיך גענומען, אז תיכף ווען ער וועט ניצול ווערן, וועט ער גיין קיין נינוה, איבערגעבן דארט די נבואה וואס השי"ת האט אים געהייסן.

השי"ת האט צוגעהערט יונה'ס געבעט, און האט מרמז געווען דעם פיש, אז ער זאל צושווימען צו דער יבשה. דער פיש איז צוגעשווימען צום ברעג פון ים און האט דארט אויסגעשפיגן יונה'ן, ניין הונדערט אכט און זעכציג פרסאות אויף דער טרוקעניש. (יל"ש יונה תק"נ).

דער **זוהר הק'** (ח"ב מח.) שרייבט, אז נאכדעם וואס יונה הנביא איז געווען אין פיש דריי טעג און דריי נעכט, און דער פיש האט אים געוויזן אלעס וואס געפינט זיך אין ים, איז דער פיש געשטארבן, דורכדעם וואס יונה איז געווען אין זיינע געדערים. אסאך פיש האבן זיך דאן פארזאמלט ארום דעם טויטן פיש, און האבן אים אנגעפאנגען צו בייסן פון אלע זייטן. יונה האט געזען אז ער איז אין א סכנה, האט ער מתפלל געווען צו השי"ת, השי"ת האט צוגעהערט זיין געבעט, און האט צוריק לעבעדיג געמאכט דעם פיש, און דערנאך ערשט האט דער פיש אויסגעשפיגן יונה'ן צו דער טרוקעניש.

ארזי הלבנון אדירי התורה בעלי תריסין במשנה ובגמרא...
הנם קדושי הרוגי מלכות עשרה ועל אלה אני בוכיה.
(קינות לתשעה באב)

**די פייטנים וואס האבן פארפאסט די פיוטים וואס כלל ישראל זאלן זאגן אין די תפילות, האבן מתקן געווען אז מען זאל צוויי מאל א יאר דערמאנען די שרעקליכע פאסירונג מיט די עשרה הרוגי מלכות. די צוויי מאל זענען: אין דער סליחה פון "אלה אזכרה" פון מוסף ליום כיפור, און אין דער קינה "ארזי הלבנון" אום תשעה–באב.** (זעה אין "אוצר הטעמים" א שיינע טעם פארוואס מען זאגט דאס יום כיפור)

**בס"ד האבן מיר צווישן די צוויי זמנים, אנגעהויבן צו שילדערן – דא אין אונזער ארטיקל – די געשיכטע פון די עשרה הרוגי מלכות, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין די מאמרי חז"ל. מיר האבן אראפגעברענגט אלע שיטות און גירסאות, אויך די צדיקים וועלכע ווערן נישט דערמאנט אינעם פיוט פון די יום כיפור'דיגע מוסף. אצינד ווען מיר שטייען ביים צווייטן זמן וואס מען דערמאנט דעם פאסירונג, וועלן מיר שליסן אונזער ארטיקל, מיט נאך עטליכע צדיקים וועלכע ווערן אויסגערעכנט צווישן די צען צדיקים וקדושים.**

## רבי ישבב הסופר

צווישן די עשרה הרוגי מלכות, געפינען מיר אויך רבי ישבב הסופר. רבי ישבב הסופר איז געווען א שרייבער פון ספרי תורה, און א "ספרא דדיינא" ביים בית דין. אין לערנען איז ער געווען א תלמיד – און שפעטער א חבר – פון רבי עקיבא. די ארעמקייט פון די אידן אין ארץ ישראל, איז אין זיין צייט געווען גאר שרעקליך, און ווער עס האט נאר געהאט די מעגליכקייט, האט צוטיילט דעם גרעסטן טייל פון זיין פארמעגן פאר ארעמעלייט. דעמאלטס האט רבי ישבב פארטיילט אלעס וואס ער האט פארמאגט. כאטש רבן גמליאל האט אים געזאגט, אז מען טאר נישט זיין אזא "פזרן", ווייל מען דארף נישט אוועקגעבן מער ווי א פינעפטל, פון וואס א מענטש פארמאגט (ירושלמי פ"א ה"א).

לויט אן אנדערן גירסא, איז נישט רבן גמליאל, נאר ר' עקיבא געווען דער, וועלכער האט אנגעזאגט פאר רבי ישבב הסופר, אז א מענטש דארף נישט אוועקגעבן פאר ארעמעלייט, מער ווי א פינעפטל פון דעם וואס ער פארמאגט (כתובות נ.), און ביי די סנהדרין אין "אושא", איז דאס באשלאסן געווארן אלס א דין (ערכין כח.).

רבי ישבב הסופר, האט אויך געפאסט ווען מען האט אים גע'הרג'עט. ער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: "אזוי ווי מיין רבי, רבי יהודה בן בבא, איז גע'הרג'עט געווארן ווען ער האט געפאסט, וויל איך אויך גע'הרג'עט ווערן ווען איך פאסט.

פאר ווען מען האט אים גע'הרג'עט, האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים, שרעקליכע צרות וואס ער האט געזעהן ברוח קדשו, אז עס דארף קומען אויף די אידישע קינדער, דורך די מלכות הרשעה פון רוים. האבן אים די תלמידים געפרעגט: "רבי! ווי אזוי וועלן מיר זיך קענען האלטן אין אזעלכע שווערע צייטן?" האט זיי רבי ישבב געענטפערט: "אויב וועט מען זיך האלטן צוזאם, און מען וועט זיך ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן, אפשר וועט מען קענען דורכגיין די שווערע צייטן".

דערנאך האט דער קעניג זיך געוואנדן צו רבי ישבב, אזוי ווי עס איז געווען ביי די אנדערע עשרה הרוגי מלכות, ער האט אים געפרעגט, ווי אלט ער איז, האט ער אים געענטפערט: "ניינציג יאר". און ער האט געזאגט פארן קעניג: "נאך פאר איך בין געבוירן געווארן, איז שוין נגזר געווארן די גזירה, אז איך מיט מיינע חברים, זאלן איבערגעגעבן ווערן אין דיינע הענט, כדי דער אויבערשטער זאל פון דיר נקמה נעמען. ווי איז צו דיר, ווען דער טאג וועט אנקומען"... דער קעניג האט זייער געצערנט, ער האט גלייך באפוילן מען זאל הרג'ענען רבי ישבב. די רשעים האבן גלייך אויסגעפירט די שרעקליכע גזירה.

בשעת מען האט אים גע'הרג'עט, האט רבי ישבב געליינט קריאת שמע. ווען ער האט געהאלטן ביי די ווערטער, "ויאמר ה' אל משה", איז ארויס א בת קול פון הימל: "וואויל איז דיר רבי ישבב, וואס דו האסט נישט נאכגעלאזט פון תורת משה גארנישט".

## רבי אלעזר בן שמוע

נאך א הייליגער תנא איז דא, וועמען מען רעכנט אויס, צווישן די עשרה הרוגי מלכות, דאס איז רבי אלעזר בן שמוע. אויף רבי אלעזר וואס איז גע'הרג'עט געווארן, ווען ער איז אלט געווען הונדערט און פינעף יאר, לערנען מיר אין חז"ל, אז קיינמאל פון קינדווייז אן, האט מען נישט געהערט פון אים קיין דברים בטלים ארויס רעדן פון זיין מויל. אויך לערנען מיר אין חז"ל, אז ער האט זיך קיינמאל מיט קיינעם נישט געשלאגן, נישט בדיבור, נישט במעשה, נאר ער איז געווען א געוואלדיגער עניו און א שפל רוח.

דעם הייליגן טאג יום הכיפורים, פאר ווען מען האט גע'הרג'עט רבי אלעזר בן שמוע, האבן אים זיינע תלמידים געפרעגט: "רבי! וואס זעהסטו?" האט ער געענטפערט: "איך זעה דעם הייליגן תנא רבי יהודה בן בבא, ווי מען טראגט אים מיט זיין בעט אין די לופט, נעבן אים זעה איך ווי מען טראגט דעם הייליגן תנא רבי עקיבא מיט זיין בעט, און ביידע רעדן און טענה'ן זיך צווישן זיי איבער א געוויסע הלכה"... האבן די תלמידים ווייטער געפרעגט: "ווער איז דער מכריע צווישן זיי ביידע?" האט ער זיי געענטפערט: "רבי ישמעאל בן אלישע". האבן די תלמידים ווידער געפרעגט: "ווער איז גערעכט צווישן די ביידע?" האט ער געענטפערט: "רבי עקיבא, וויבאלד ער האט זיך געפלאגט מיט אן אויסטערלישע פלאגעניש אין תורה אויף די וועלט".

נאך פארבארגענע זאכן, וואס עס טוהט זיך אפ אין עולם האמת, האט רבי אלעזר בן שמוע אנטפלעקט פאר זיינע תלמידים יענעם טאג. ער האט זיי געזאגט: "מיינע קינדער! איך זעה, אז די נשמות פון די הייליגע צדיקים רייניגן זיך און טובל'ען זיך אין מעיין השילוח, זיי זאלן קענען אריינגיין אין ישיבה של מעלה, הערן די דרשה וואס דער הייליגער תנא רבי עקיבא וועט זאגן מעינינא דיומא. איך זעה אויך, ווי די מלאכים ברענגען גאלדענע שטילן פאר יעדן איינציגן צדיק, ער זאל קענען זיצן אויף דעם בטהרה".

ווען ער איז אנגעקומען צום ווארט "טהרה", האט דער קעניג געהייסן מען זאל אים הרג'ענען. איז ארויס א בת קול פון הימל, און האט אויסגערופן: "וואויל איז דיר רבי אלעזר בן שמוע, וואס דו ביסט געווען טהור, און דיין נשמה איז ארויס בטהרה, ביי די ווארט טהרה".

## רבי יהודה בן דמא אדער רבי אלעזר בן דמא

רבי יהודה בן דמא האט מען געכאפט ערב שבועות. זיין לעצטע וואונטש איז געווען, אז מען זאל אים נישט הרג'ענען פאר עס קומט

אריין דער הייליגער יום טוב, ווייל ער האט געוואלט דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן די הייליגע תורה.

צווישן דעם קעניג מיט רבי יהודה, איז אויך געווען א וויכוח איבער דאס גלויבן פון די אידישע קינדער. דער קעניג האט אים געפרעגט: "דו פארלאזט זיך נאך אויף אייער באשעפער?" האט אים רבי יהודה געענטפערט: "זיכער". האט דער קעניג ווייטער געפרעגט: "וועלכע שכר באקומט איר פאר די תורה?" האט ער אים געענטפערט, מיטן לשון פון דוד המלך אין תהילים: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך".

דער קעניג האט זיך צולאכט אויף א געמיינעם אופן, און געזאגט: "שוטים וואס איר זענט – אידישע קינדער – אז איר גלייבט נאך, אז עס איז דא נאך א וועלט אויסער די וועלט וואס מיר לעבן", רח"ל. רבי יהודה בן דמא האט נישט פארשוויגן די כפירה ווערטער פונעם קעניג, און ער האט געענטפערט: "עס איז נישטא קיין גרעסערע שוטים ווי אייך גוים, ווי גרויס וועלן זיין דיינע בושות לעתיד לבוא, ווען די אידן וועלן זיין ארום גענומען מיטן 'אור החיים' – די ליכטיגקייט פונעם הייליגן באשעפער, און דו וועסט זיצן ביי די נידריג'סטע טרעפל פונעם שאול תחתית, פארשעמט און צוקלאפט".

דער אויפגעברויזטער קעניג האט געהייסן, אז מען זאל רבי יהודה זאפארט הרג'ענען דורך א מיתה משונה. ער האט באפוילן, מען זאל צובינדן זיינע האר פון קאפ צו א ווידל פון א פערד, און אזוי זאל מען אים ארום שלעפן אין גאנץ רוים, דערנאך זאל מען צושניידן זיין הייליגע קערפער שטיקלעך, מען זאל אים נישט קענען באגראבן. נורא ואיום!

פון הימל האט מען אבער יא געוואלט, אז רבי יהודה בן דמא זאל קומען לקבר ישראל, איז אליהו הנביא ארום געגאנגען, און ער האט צוזאמגענומען אלע איברים פונעם הייליגן תנא, און ער האט דאס באערדיגט אין א מערה נעבן א טייך אין רוים. אין א צייט פון דרייסיג טעג האט זיך ארויסגעהערט פון די מערה משונה'דיגע קולות פון יאמער און געוויין, אבער דער קעניג איז נישט געווארן איבערראשט, ער האט געלאזט וויסן איבעראל, אז אפילו די גאנצע וועלט וועט ווערן איבערגעדרייט, וועט די גזירה פון הרג'ענען צען אידישע חכמים, נישט בטל ווערן.

די רוימישע באפעלקערונג האט געמוזט שווייגן, נאכן ערקלערונג פונעם קעניג, אז גארנישט וועט משנה זיין די גזירה. אבער איין אלטער מענטש פון די רוימישע קלוגע לייט, האט געזאגט פארן קעניג: "אדוני המלך! איך מוז דיר זאגן, אז דיין צוגאנג איז נישט א ריכטיגע צוגאנג, האסט געטוהן א גרויסן טעות, אז דו האסט זיך אנגעהויבן מיטן פאלק פונעם אויבערשטן, און דו שחט'סט זייערע חכמים אן קיין רחמנות. ביטער און שלעכט וועט זיין דיין סוף". דער קעניג האט געהייסן, אז מען זאל אויף דעם אלטן נישט רחמנות האבן, און מען זאל אים דערשטיקן, רח"ל.

דער אלטער קלוגער מענטש איז געווארן געווארן, די גזירה וואס דער קעניג האט אויף אים ארויסגעגעבן, איז ער אנטלאפן זיך צו גרייטן אויף זיין גזר דין. ווי אזוי האט ער זיך געגרייט? ער האט זיך גע'מל'עט, און ער האט זיך באהאפטן צום אידישן פאלק, ווייל ער האט געוואלט האבן א חלק אין עולם הבא אזוי ווי א איד. ווען מען האט אויסגעפירט זיין גזר דין און מען האט אים דערשטיקט צום טויט, איז זיין קערפער נעלם געווארן בדרך נס. וויפיל מען האט דאס געזוכט, האט מען דאס נישט געקענט געפינען.

דער קעניג האט זיך שוין דאן אויך דערשראקן, ער האט געזעהן אז עס גייט פאר הימל'ישע זאכן, אבער זיין רשעות האט ער נאך אלס נישט געוואלט אויפגעבן. עס איז שוידערליך צו טראכטן, ווי ווייט עס האט דערגרייכט די מורא'דיגע רשעות פונעם קעניג.

## רבי חנינא בן חכינאי

לויט עטליכע שיטות, ווערט רבי חנינא בן חכינאי, אויך אויסגערעכנט צווישן די עשרה הרוגי מלכות. חז"ל דערציילן אונז, אז פון ווען רבי חנינא בן חכינאי איז אלט געווען צוועלעף יאר, ביז ווען מען האט אים גע'הרג'עט, ביי די פינעף און ניינציג יאר, האט ער יעדן טאג געפאסט.

ביי רבי חנינא איז אויך געווען אזוי ווי ביי רבי יהודה בן בבא, ווען עס איז געווען זיכער, אז מען גייט אים הרג'ענען, האבן זיינע תלמידים אים געבעטן ער זאל אויספאסטן. האט זיי רבי חנינא געענטפערט: "ביז היינט, אפילו איך האב נישט געוואוסט ווען איך גיי נפטר ווערן, האב איך געפאסט, יעצט ווען איך וויים, אז בקרוב גייט מען מיר הרג'ענען, זיכער דארף איך פאסטן".

אים האט מען אויך גע'הרג'עט ווען דער הייליגער שבת איז אנגעקומען. רבי חנינא האט געבעטן, מען זאל אים לאזן קידוש מאכן. רבי חנינא האט אנגעהויבן דאס קידוש מיט א הויכע און אנגענעמע שטימע, ביז ער איז אנגעקומען צו די ווערטער: "ויקדש אותו", ווען ער האט געהאלטן ביי די ווערטער, האבן אים די רוימער גע'הרג'עט.

א בת קול איז ארויס פון הימל, און האט אויסגערופן: "וואויל איז דיר רבי חנינא, וואס דו ביזט געווען הייליג, און דיין נשמה איז ארויס הייליג, ביי די ווערטער ויקדש".

## רבי יהודה הנחתום

נאך איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, איז געווען, רבי יהודה הנחתום.

עס איז פארהאן א מדרש, אז ווען רבי יהודה הנחתום האט געדארפט ארויסגעפירט ווערן צום הרג'ענען, האט זיך איינער מיטן נאמען "בן גופיא" געמאלדן, אז ער וויל אוועקגעבן זיין לעבן, אנשטאט רבי יהודה הנחתום, האבן אים די רוימער אנגענומען צו הרג'ענען. נאר פאר רבי יהודה האט דאס נישט געהאלפן, ווייל מען האט שפעטער אויסגעפינען נאך אן "עבירה", וואס רבי יהודה הנחתום איז באגאנגען אנטקעגן רוים, פאר וועלכע ער האט געדארפט גע'הרג'עט ווערן, און ער איז טאקע אומגעקומען דורך די רשעים.

## רבי אלעזר בן חרסום

עס ווערט דערציילט אין חז"ל, אז רבי אלעזר בן חרסום, איז געווען דער אייגנטומער פון טויזנט שטעט אויף דער יבשה, און טויזנט שיפן אויפן ים.

אט דאס פארמעגן, האט רבי אלעזר גע'ירש'נט פון זיין פאטער, און ער האט דערפון נישט געצויגן די מינדעסטע נוצן. ער פלעגט בלויז נעמען א זעקל מעל, אויף זיינע פלייצעס, פון וועלכן ער פלעגט זיך אליין אויסקנעטן און אפבאקן א ברויטל פאר זיין עסן. אזוי האט ער כסדר געוואנדערט פון שטאט צו שטאט, און פון בית המדרש צו בית המדרש. און ווען ער איז אמאל אהיימגעקומען און ער האט געוואלט אריינגיין אין זיין אייגן הויז, האבן אים זיינע אייגענע שקלאפן נישט דערקענט, האבן זיי אים אנגענומען פאר א גנב, וועלכער וויל זיך אריינשלייכן אין א פרעמדע הויז, און זיי האבן אים דערפאר מכבד געווען מיט א פארציע קלעפ.

עס איז דא שיטות, אז רבי אלעזר בן חרסום איז געווען עלעוו יאר א כהן גדול (יומא דף ט ע"א), אבער לויט דער זמן פון די עשרה הרוגי מלכות, איז דאס נישט דער זעלבער רבי אלעזר.

**חַנּוּן הַבִּיטָה מִמְּרוֹמִים. תִּשְׁפֹּכֶת דַּם הַצַּדִּיקִים וְתַמְצִית דָּמִים. תִּרְאֶה בְּפַרְגּוֹדְךָ וְהַעֲבֵר כְּתָמִים. קֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים:**

(מוסף ליום כיפור)

# יום הקדוש בעמק הבכא

## בצל כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

אין די שווערע מלחמה יארן, ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט געוויילט אין מחנה בערגן בעלזן, איז צווישן אנדערע ימים טובים, אפגעראכטן געווארן די הייליגע טאג "יום כיפור" דארט אין לאגער אויף א העכערע אטמאספער. ווער האט דען אין יענע אומשטענדן נישט געשפירט א דראנג זיך אויסצואוויינען אביסל צום נייעם יאר, זיך קענען אביסל אויסשמועסן מיטן מלך יושב על כסא רחמים, ווען מען טוט אנשרייבן און אנ'חתמ'ענען צום נייעם יאר "מי יחי' ומי ימות". אזוי אז עס האט זיך שוין צוזאמען גענומען א גרויסע צאל פון דריי הונדערט ערליכע אידן וואס האבן געוואלט מיטהאלטן די תפילות היום. דער רבי זי"ע האט אין יענע שווערע צייטן מחזק געווען די צובראכענע אידן, און ער האט געהאלטן א מורא'דיגע "כל נדרי דרשה", מיט בכיות נוראות, וועלכע האט אריינגעגעבן אביסל חיות און חיזוק אין די צובראכענע אידן.

אין "אביר יעקב" ווערט דערציילט איבער די דרשה, אז די אידן זענען צוגעגאנגען צום רבי'ן און האבן אים שטארק געבעטן אז ער זאל זאגן אפאר ווערטער פאר כל נדרי, דער רבי האט מתחילה נישט געוואלט זאגן, אבער די אידן האבן געוויינט און זיך געבעטן ביים רבי'ן "מיר קענען נישט דאווענען, מיר האבן נישט קיין מחזורים, קיין סידורים, קיין טליתים, לאמיר כאטש אביסל נתעורר ווערן מיט הייסע אמת'ע דיבורים", און דאן האט דער רבי מחליט געווען צו זאגן די דרשה.

דער גאנצער ציבור האט זיך פארזאמלט אינעם באראק, און מ'איז געשטאנען צווישן די לאגער-בעטן. דער רבי האט זיך געשטעלט ביים טויער פון באראק, ויעמוד משה בשער המחנה, וואו עס איז געווען עטליכע טרעפ ארויפצוגיין ווי א שטיקל בימה, און ער האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין וואס האט נאכגעשלעפט דעם גאנצן ציבור אין יללות ובכיות, און פאר לאנגע מינוטן האט דער רבי נישט געקענט קומען צום ווארט, ביז ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל וכו'".

מיר וועלן דא מעתיק זיין די כל נדרי דרשה וואס דער רבי האט געזאגט יענעם "כל נדרי" נאכט אין "רעי'מסדארף", לויט ווי עס איז פארצייכנט געווארן דורך הגה"צ ר' אברהם מאיר איזראעל זצ"ל אב"ד הוניאד:

**אמר ר' עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים וגו', מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל, ואומר מקוה ישראל מושיעו בעת צרה. לכאורה וואספארא ראי' איז דאס פונעם פסוק "מקוה ישראל ה'", אז דער אייבערשטער איז מטהר אידן אזוי ווי א מקוה. מקוה איז דאך א לשון פון האפן, אז כלל ישראל שטייט און ווארט אויף ישועת ה', און דער דרש פון ר' עקיבא איז אויף מקוה של מים, וואס איז טייטש א פארזאמלונג?**

**נאר מ'קען ענטפערן, מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין מס' מגילה (דף י"ד ע"א), אז "גדולה הסרת הטבעת שהחזירם למוטב", אז דאס וואס אחשורוש האט געגעבן דאס רינגל פאר המן, האט געברענגט דערצו, אז אידישע קינדער האבן תשובה געטון. זעהען מיר דאך, אז תשובה העלפט אפילו ווען מען טוט תשובה באונס, געצוואונגערהייט דורך די גזירות פון די רשעים. אזוי אויך זאגט די גמ' אין סנהדרין (דף צ"ז ע"ב) אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו אין נגאלין, אלא הקב"ה מעמיד עליהם מלך שגזירותיו קשות כהמן וישראל עושין תשובה ומחזירן למוטב. לכאורה וואספארא חשיבות האט א תשובה ווען מען צוואונגט צו טוהן תשובה באונס?**

**נאר די גמרא זאגט אין מס' חולין (דף ל"א ע"א), אז אויב מ'האט זיך גע'טובל'ט באונס, דאס הייסט, אז ווען איינער וואס איז געווען טמא איז געשטאנען נעבן א מקוה, און מ'האט אים אריינגעשטופט באונס, איז די טבילה א גוטע טבילה, און אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' קצ"ח סמ"ח). קומט אויס אז אפילו די טבילה איז געווען באונס, ווערט מען ריין.**

**און אזוי אויך איז דער ענין פון תשובה, וואס דאס טוט אויסרייניגן א מענטש פון די עבירות פונקט ווי א מקוה. אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ב"ר פ"ב ס"ד), אז תשובה איז ווי וואסער, ווי עס שטייט שפכי כמים לבך נוכח פני ה'. ממילא פונקט ווי א מקוה העלפט צו ריינגן דעם מענטש אפילו עס איז געווען באונס ובכפיה, העלפט תשובה אויך אפילו עס איז געווען געצוואונגענערהייט.**

**דאס איז דער פשט: "אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים", ווייל איז פאר אידישע קינדער, אז איר ריינגט זיך צום אייבערשטן דורך תשובה, און השי"ת איז זיי מקרב צו זיך דורך תשובה, אבער אויב אידישע קינדער טוהען נישט תשובה, דאן שטעלט דער אייבערשטער אויף א מלך קשה כהמן און דאס מאכט זיי תשובה טוהן מיט געוואלד.**

**איי ווער זאגט אז א געצוואונגענע תשובה איז עפעס ווערד? אויף דעם זאגט ר' עקיבא, "ואומר מקוה ישראל ה' מושיעו בעת צרה", אז ווען אידישע קינדער געפונען זיך אין אן עת צרה, דעמאלטס איז דער אייבערשטער זייער מקוה, און דער פשט פון מקוה איז ביידע, סיי "מקוה מים", און סיי א לשון פון "האפן". אויף דעם זאגט ער ווייטער, "מה מקוה מטהר את הטמאים" אפילו באונס, "אף הקב"ה מטהר את ישראל" אזוי נעמט דער אייבערשטער אן די תשובה פון אידישע קינדער, אפילו ווען עס איז באונס.**

**ליידער דא האט מען נישט געקענט גיין ערב יוכ"פ זיך טובל'ן אין א כשר'ע מקוה. לכאורה, ווי איז שייך צו זאגן, "אשריכם ישראל", ווייל איז פאר אייך אידן, וועלכער איד גייט דען נישט אין מקוה ערב יום הקדוש? נאר, מיר האבן דאך יעצט גערעדט, אז אויב עמיצער האט זיך טובל געווען באונס ווערט ער אויך ריין, איז דאך א כל שכן אז ווער עס וויל זיך טובל'ן, נאר ער איז א אונס, און ער קען זיך נישט רייניגן ווערט ער זיכער ריין. אזוי ווי דער פעטער (שליט"א) [זי"ע] פלעגט נאכזאגן א ווארט אין נאמען פונעם רבי'ן ר' בער דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זלה"ה, אויף דעם וואס די גמרא זאגט, "חישב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה" - אז ווען א מענטש קומט מקיים צו זיין א מצוה בפועל - ווער קען זאגן אז ער האט אינזין געהאט אלע כוונות, און ער האט געטאן די מצוה אינגאנצן לשמה?! משא"כ ווען איינער איז געווען אן אונס און ער האט נישט געקענט מקיים זיין א מצוה, און ער איז צובראכן, מעלה עליו הכתוב כאלו עשאה, רעכנט דער אויבערשטער כאילו ער האט געטאן די מצוה מיט אלע כוונות ווי עס ברויך צו זיין.**

**ממילא, אפילו מיר האבן נישט זוכה געווען צו גיין אין די מקוה, אבער מיט דעם וואס מיר ווילן גיין אין מקוה, איז דאס אין א בחינה פון חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה, ממילא איז עס גערעכנט כאילו מ'איז געווען אין מקוה און מען האט זיך מטהר געווען מיט אלע כוונות.**

**טייערע ברידער, די אלע צרות וואס מירליידן יעצט, אזעלכע צרות וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, דאס איז אונז געקומען בעוונותינו הרבים, עת צרה הוא ליעקב, היינו לעג וקלס בגוים, נחשבנו כצאן לטבח יובל להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה, וויפיל טויזנטער הייליגע נפשות זענען אומגעקומען על קידוש ה', מיר מוזן זיך אין אזא צייט מחזק זיין מיט אמונה פשוטה מיטן גאנצן הארץ, ווי דער פסוק זאגט מקוה ישראל מושיעו בעת צרה, אז אידישע קינדער קוקן ארויס אז דער אייבערשטער זאל זיי באפרייען פון אלע צרות, און דער אייבערשטער וועט אונז העלפן און אויסלייזן מיט די אמת'ע ישועה.**

דער הוניאדער רב פירט אויס אז דער רבי האט נאך דארט מאריך געווען מיט דברי מוסר מיט געוואלדיגע בכיות עצומות וואס האבן געשפאלטן אלע הערצער.

ביי יענע דרשה האט דער רבי אויך מעורר געווען אויפן מצב פונעם הייליגן פעטער דער רבי זלה"ה, וואס ווער ווייסט אין וועלכן מצב ער געפונט זיך יעצט, און וואס עס איז יעצט זיין גורל.

## די הימלען האבן געוויינט

אין ספר "עדות חיה", (וואס איז פארפאסט געווארן דורך מו"ה מנחם מענדל שטיינמעץ הי"ו מחשובי חסידי וויזניץ-לאנדאן, וואס ברענגט בשם ר' נתן ווייס וועלכער איז געווען צוזאמען מיטן רבי'ן אין לאגער) ווערט געשילדערט, אז יענעם יום הקדוש ביינאכט זענען זיך צוזאמענגעקומען אלע אידן אינעם לאגער, און דער רבי איז געווען דער שליח ציבור, און אזוי ווי עס זענען נישט געווען קיין מחזורים האט מען געדאווענט מלה במלה מיט'ן שליח ציבור, דער רבי האט הויך פארגעזאגט דאס דאווענען מיט א קול מלא רגש ובכי און דער גאנצער ציבור האט נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט מיט גרויס געוויין "אפילו די הימלען האבן געוויינט, און ביז היינט קען איך נישט פארגעסן דאס דעמאלטס'דיגע דאווענען".

ווען איינער פון די רשעים איז אריבערגעגאנגען דעם באראק, און ער האט ארויסגעהערט די קולי קולות, און ער האט געפרעגט וואס עס זענען די קולות און געוויין. האט מען אנגעהויבן מסביר צו זיין, אז היינט איז יום כיפור, און מען בעט ביים אויבערשטן ער זאל חתמ'ענען א גוט און זיס יאר. און צו יעדנס וואונדער האט דער עס'ניק גארנישט רעאגירט, און ער האט געלאזט ווייטער ממשיך זיין דאס דאווענען, און שפעטער איז ער אנגעקומען און געברענגט א קיכל אויסצופאסטן...

צווישן די אידישע באראק-עלטסטע איז געווען ר' אברהם קארפען ע"ה פון דעעש, אויך איז געווען דארט דר. וויינבערגער פון דעעש, וואס זיי האבן געהאט געוויסע פראטעקציעס ביי די רשעים, און זיי פלעגן שטענדיג אכטונג געבן ספעציעל אויפן רבי'נס געזונט, האבן זיי דאן פאראבעט אז דער רבי זאל נישט דארפן ארויסגיין צו דער ארבעט אום יום הקדוש.

## די עבוד"ת היום

נאך דעם ווארעמען התעוררות'דיגן דאווענען ליל יום הקדוש ביי כל נדרי האבן די אידן באשלאסן אז זיי ווילן זיך צוזאמענקומען אויך מארגן צום דאווענען, און אזוי האט מען טאקע געטוהן.

דער רבי האט געזאגט פאר די אלע אידן וואס האבן געלעכצעט צו דאווענען אינעם הייליגן טאג. אז זיי זאלן זאגן אז זיי זענען לייזיג. עס איז דארט געווען א דאקטער פון זענטא, וועלכער האט געגעבן א באשטעטיגונג צעטל פאר די אידן אז זיי זענען טאקע לייזיג.

אבער דאס איז שוין נישט געווען אזוי געראטן, ווייל ווען דער הויפט אויפזעהער האט זיך ארומגעזען מיט אזויפיל אידן וואס האבן אלע פלוצלונג דעם זעלבן תירוץ, איז ער געווארן זייער אויפגעברויזט. ער האט פארשטאנען אז דאס איז א אויסרייד זיך ארויסצודרייען פון די ארבעט, און ער האט אנגעהויבן שרייען: "פארוואס גייט מען נישט ארבעטן?" און ער האט געווארנט אז אויב מען גייט נישט שוין צו די ארבעט, דאן גייט ער רופן די עס. עס.

די אידן האבן אבער נישט געוואלט מוותר זיין, דאס אידיש הארץ האט זיך נישט געקענט ערלויבן מוותר זיין דעם איינעם טאג אין יאר, אז זיי זאלן זיך נישט צוזאמען קומען און אויסגיסן דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער. און על אפם וחמתם פון די רשעים האבן זיי ווייטער געדאווענט. נאר אזוי ווי דער רשע האט נישט געלאזט מ'זאל זיך צוזאמקומען דאווענען אינאיינעם אזוי ווי נעכטן, האט מען פרובירט זיך צוזאמקומען צווישן די באראקן, אז עס זאל נישט באמערקט ווערן זייער דאווענען.

ווען די רשעים האבן דאס געזעהן זענען זיי געקומען און צושפרייט דעם עולם.

דער רשע האט געזעהן ווי די אידן הייבן אן צו פירן אן אייגענע ווירטשאפט אונטער זיין נאז, זיי באשליסן ווען זיי ווילן נישט צו גיין צו די ארבעט, האט ער געוואלט שטעלן די זאך אין פלאץ, און ער האט געזוכט די עס. עס'ניקעס זאלן קומען מאכן ארדענונג.

דער רשע האט אריינגעשריגן אין זיין קאמיוניקאציע-אפאראט צו זיינע חברים נאך הילף, אבער אין קול ואין עונה און קיינער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, און ער האט זיך נישט געקענט פארבינדן מיט זיי במשך לאנגע שעה'ן, און דורכדעם איז פארלענגערט געווארן די צייט ביז די נאכמיטאג שטונדן, וואס די אידן האבן דערווייל געקענט ווייטער דאווענען, ובעיקר אז זיי האבן נישט געדארפט גיין צו דער ארבעט, וואס דאס האבן די אידן געוואלט פארדינען פאר יעדן פרייז אז מ'זאל נישט מוזן ארבעטן אינעם הייליגן טאג.

צו תפילת נעילה אינעם הייליגן טאג האט דער רבי יורד געווען לפני התיבה, עס איז לייכט זיך פארצושטעלן ווי אזוי אזא נעילה האט אויסגעקוקט "פתח לנו שער בעת נעילת שער".

ערשט שפעטער נאכמיטאג האט ער געשאפן דעם ערשטן פארבינדונג מיט זיינע חברים, וועלכע האבן געהערט איבער די סיטואציע, און זיי זענען געקומען שרייען: "פארוואס גייט מען נישט ארבעטן?".

די אידן וועלכע האבן געהאלטן אינמיטן דאווענען, האבן זיך פארענטפערט פאר די רשעים מיט זייער תירוץ אז זיי זענען פול מיט לייז, און זיי קענען נישט גיין צו דער ארבעט.

די רשעים האבן דאן באפוילן אז מ'זאל שוין טראגן די אידן זיך ארומוואשן. ווי פארשטענדליך זענען די אידן געווארן זייער פארלוירן הערנדיג די ווערטער, ווייל רחיצה ביום הכיפורים איז דאך אויך פון די חמשת עינוים. בעיקר האט ווי געטון פאר די אידן דער פאקט אז זיי אליין האבן דאך גורם געווען די צרה, ווייל ווען זיי וואלטן געגאנגען צו דער ארבעט געהעריג זענען זיי דאך געווען געצוואונגען דערצו בלית ברירה, ווי אויך וואלטן זיי זיך מעגליך פרובירט זיך אויסצובאהאלטן נישט עובר צו זיין עכ"פ אויף קיין איסורי דאורייתא, אבער יעצט, דורך זייערע תחבולות האבן זיי אליין גורם געווען אז מ'זאל זיי צוואונגען צום איסור פון רחיצה ביוהכ"פ, דעריבער האבן זיי געשפירט זייער שווערע שולד געפילן אין דעם מאמענט.

די רשעים האבן דאן געהייסן אלע אידן ארויפגיין אויף א גרויסע לאסט אויטא, וואו מ'וועט זיי טראגן צום וואשן. אבער למרבית הפלא האט זיך דער אויטא נישט געוואלט אנצינדן, וויפיל מאל זיי האבן פרובירט אנצוצינדן דעם אויטא איז דאס נישט געגאנגען. זעהנדיג דאס האט זיך איינער פון די רשעים אנגערופן "איך ווייס עטס זענט נישט לויזיג, אבער אייער גאט איז מיט ענק".

ביני לביני איז דער טאג אריבערגעגאנגען אן דעם וואס די אידן זאלן דארפן גיין צו דער ארבעט. און מען איז ניצול געווארן פון ארבעטן אין דעם הייליגן טאג און אויך פון זיך וואשן. און אויך האט מען געקענט דורכדעם גרינגער פאסטן, ווייל מען האט נישט געארבעט די עבודת הפרך ווי יעדן טאג. ערשט ביינאכט נאכן זמן פון מוצאי היום, האבן די רשעים געטראפן א פאסיג ארט וואו זיי האבן געשיקט די אידן זיך גיין ארומוואשן.

ווען דער רבי האט דאס דערציילט האט ער מסיים געווען בדרך צחות: "דער אויבערשטער האט צוגעהערט אונזערע תפילות און תיכף מוצאי יום כיפור האבן מיר געהאט א מקוה"...

## אני לדודי ודודי לי

עס האט דערציילט הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא שווארץ ז"ל, אז יענעם יום כיפור האט ער געטראפן דעם רבי'ן זיצן אין א ווינקל און ער האט געוויינט ביטערליך. דער רבי האט אזוי שרעקליך געוויינט און געיאמערט אז ער האט ממש נישט געקענט דארט שטיין פון די גרויסע בכיות.

ווען ר' ליפא האט פרובירט צו בארואיגן דעם רבי'ן, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן וואס עס גייט פאר, אז דער רבי וויינט אזוי שרעקליך, האט אים דער רבי געזאגט בזה"ל:

"ליפא, דו ווייסט דאך יא וואספארא טאג דער פעטער פלעגט אפרעכטן היינט... ווער ווייסט וואו ער געפינט זיך יעצט..." און ער האט זיך ווידער צוכליפעט.

דער עפיזאד זאגט מער פון אלעם איבער די אומגעהויערע התקשרות פונעם רבי'ן אינעם הייליגן פעטער זי"ע.

**גענומען פון ספר "ומשה היה רועה"**
**תשוח"ח פארן מו"ל ידידינו הרב שמואל שלמה טעללער הי"ו**

# אוצר רבותינו - יומא דהילולא

# מרן רביה"ק רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זיע"א

## אבדק"ק דראביטש – ח' תשרי

**די וואך – ח' תשרי, פאלט אויס די יארצייט פון רביה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע. ווען מיר אראפברענגען די הייליגע בריוו וואס רביה"ק בעל "ישמח משה" זי"ע, האט געשריבן פאר זיין זון רבי אלעזר ניסן זי"ע אין די יונגע יארן. די בריוו איז שטארק באוואוסט געווארן וועגן די מורא'דיגע ווערטער וואס איז דא אין איר אז "איין שעה אין די יונגע יארן איז אזוי ווי א גאנצע יאר אין די עלטערע יארן". מיר ברענגען דאס איבערגעזעצט אין אידיש.**

הער צו מיין זון די שטראף רייד פון דיין טאטן און זיי זאלן זיין אונטערשפארער'ס צו דיין הארץ, זיי זאלן נישט אפגעטאן ווערן פון דיינע אויגן און איינגעקריצט זאלן זיי זיין אין דיין הארץ. אויב ביז אהער האסטו מקיים געווען דעם פסוק: "שמח בחור בילדותך", איז אבער אצינד שוין די ריכטיגע צייט צו מקיים זיין דעם אנדערן פסוק: געדענק דעם באשעפער אין דיינע אויסדערוועלטע יארן, פון ליידיג גיין זאלסטו זיך דערווייטערן ביזן סוף, און תורה זאלסטו לערנען ביינאכט און אינדערפרי, און מיט א הויכע שטימע דערצו, ווייל אויב מיט דיין גאנצן קראפט וועסטו לערנען, דעמאלטס וועסטו דיין תורה געדענקען. אזוי ווי חז"ל דרש'ענען אויפן פסוק: "ערוכה בכל ושמורה", אויב דיין לערנען איז געארדנט מיט דיינע אלע גלידער ד. ה. דו לערנסט מיטן גאנצן קראפט, דעמאלטס וועט די תורה זיין אפגעהיטן ביי דיר, דו וועסט איר געדענקען. (עירובין נ"ד)

מיין זון מיין פריינד, וויסן דארפסטו, אז די יוגנט יארן איז די אויסדערוועלט'סטע צייט פון לעבן, און מבטל זיין אפילו א קורצע צייט פון זיי איז א גרויסער זינד. דאס איז געגליכן צו א קרומקייט וואס מען קען נישט מער פארגלייכן, און א מינערונג וואס קען מער נישט געציילט ווערן. דער נעכטן וואס איז שוין אריבער וועט שוין אויף אייביג נישט צוריק קומען, "איין שעה פון די יוגנט יארן איז גערעכנט ווי א גאנצע יאר אין די דערוואקסענע יארן". ווייל דאס לערנען פון די יוגנט יארן בלייבט איינגעקריצט אין הארץ, און אויך אויף דער עלטער ווערט דאס נישט אפגעטאן פון אים.

מיין איינציגער קינד, מיין פריינד, למען השם! פארשפאר דיין מויל פון צו רעדן נארישקייטן, דערווייטער זיך פון ליידיג גייער'ס אזוי ווי די ווייטקייט פון א פיילן שאס פון א בויגן. פון פוסטע רייד זאלסטו אפהיטן דיין מויל ווי מען היט אפ דעם שווארץ-אפל פון אויג, ווייל אין דעם מענטשנס צונג איז אפהענגיג דאס לעבן און טויט. עס זאל שטענדיג זיין פאר דיינע אויגן דער מאמר וואס ווערט געברענגט אין "חובת הלבבות": "גרינגער זאל דיר זיין צו באוועגן דעם שווער'סטן גליד פון דיינע גלידער, ווי צו באוועגן דיין צונג". דעם צונג זאלסטו באנוצן נאר אויף צו לערנען תורה און נאר אויף נויטיגע צוועקן".

מיין קינד, מיין קינד, למען השם! באשטים זיך צייטן אויף צו לערנען די פאלגנדע שיעורים: א שיעור גמרא מיט תוספות און רא"ש צוזאמען מיט די חידושים פון אונזער זיידן דער מהרש"א, און זאלסט דאס איבער'חזר'ן עטליכע מאל. א שיעור אין פוסקים-דאס לערנען און איבער'חזר'ן עטליכע מאל. א שיעור אין תנ"ך - חומש מיט רש"י און אויך א קאפיטל אדער צוויי פון נביאים כתובים, און איין שעה זאלסטו אפשטימען אויף צו פארטיפן זיך אין תורה. דעמאלטס זאלסטו קאנצענטרירן דיינע געדאנקען און זיך פלאגן אויף צו פארשטיין די טיפקייט פון די תורה, ווייל גוט איז ווען ביידע זענען אינאיינעם, לערנען די תורה און פארשטיין דער זין פון איר.

זאלסט זיין פאלגזאם צו יעדן און זאלסט זיך לערנען פון יעדן, אזוי ווי אונזערע חכמים לערנען אונז: "איזהו חכם הלומד מכל אדם" ווער איז דער ריכטיגער חכם? דער וואס לערנט פון יעדן מענטש. איבערהויפט זאלסטו אכטונג געבן אויף די כבוד פון דיין שווער און שוויגער, זאלסט זיך למען השם שטארק דערווייטערן פון בטלה, ווייל הלוואי זאל מען די גאנצע צייט וואס מען פארמאגט, זוכה זיין צום כתר התורה, און ווי בלייבט נאך צייט אויף בטלה?! נאך איז נייטיג פאר דיר צו וויסן: די צייט פונעם מענטשנס לעבן, איז דער אויסגעוועלטער ערוועבונג פונעם מענטש, ווייל פאר זיין לעבן, גיבט דאך דער מענטש אוועק אלעס וואס ער פארמאגט, איז א מענטש וועט נעמען זיין בינטל געלט און דאס אריינווארפן אין די טיפענישן פון טייך וועט מען דאך זאגן אז דער מענטש איז משוגע, אויב אזוי, דער וואס ווארפט אריין צייט פון זיין לעבן אין די פוסטעניש'ן דער איז דאך געוויס משוגע.

אויך זאלסטו למען השם, זיך דערווייטערן פון די גרופע חנופה'ניקעס און צבוע'ניקעס, און פון פאלשקייט, ווייל מיט שווינדל ווערט דער מענטש נישט באגליקט, דו זאלסט גיין נאר אין דעם וועג פון אמת, דיין מויל מיט דיין הארץ זאל זיין אייניג. וואס וועט בלייבן פון דעם מענטש פון די אלע נארישקייטן ווען דער לעבנס שטריק וועט זיך איבעררייסן?! דעריבער זאל דער מענטש תשובה טאן איידער זיין נפש וועט פאר'משכונ'ט ווערן, און איידער דער שיפס קאפיטאן (דער רבוש"ע) וועט קומען צוריקפאדערן דעם פקדון, און איידער ער וועט צום קבר געפירט ווערן, זיינע נארישקייטן זאל ער אוועקווארפן פון זיך איידער זיין מח וועט צושמעטערט ווערן (נאכן טויט).

דעריבער מיין איינציגער זון, וואס דו ווייסט דאס גלוסטונג פון מיין הארץ און אויג, און דיין נפש איז צוגעבונדן אין מיין נפש, איך שטיי און שטרעק זיך אויס צו דיר, איך וויין און באוויין, משה שרייבט מיט טרערן און בעט זיך ביי דיר: לאז אפ די אלע זאכן פון דעם יצר הרע און באהעפט זיך אין די וועגן פון באשעפער ב"ה וב"ש, זאלסט נישט טראכטן קיין שום אנדערע מחשבה נאר פון דעם באשעפער און זיין הייליגע תורה.

למען השם זאלסט זען צו מחדש זיין יעדן שבת חידושי תורה, דאס הייסט אז ערב שבת זאלסטו לערנען א געוויסן ענין פון די גמרא, מיט תוספות און מהרש"א, און זאלסט זיך אין דעם שטארק אנשטרענגען צו מחדש זיין עפעס אויף דעם ענין. דיינע חידושים זאלסטו מיר שרייבן, דערמיט וועסטו פולקאם מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב אויפן בעסטן אופן, ווייל איך האב נישט קיין אנדערן נחת רוח און פארגעניגן אזוי ווי ווען איך הער חידושי-תורה וואס קומען ארויס פון קוועלער פון דיין חכמה.

מיין באליבטער זון, דו ווייסט דאך געוויס אז איך אליין ווייס מיט אן אמת און מיטן גאנצן הארץ אז איך בין נישט גערעכנט פאר א צדיק און הלוואי זאל איך זיין א מיטעלער, נאר דאך, השי"ת מיט זיין גרויס דערבארעמונג הערט אלעמענס תפילות, און דער אויבערשטער איז נאנט צו די וואס רופן אים, - אזוי שטייט דאך, און דאס איז דער דרך פון אלע אידן צו מתפלל זיין אין די הייליגע טעג פאר זיינע זין און טעכטער און איידעמער מיט שנורן און שטוב-לייט, און עס איז באוואוסט און באקאנט, אז אין אלע תפילות דערמאנט מען די מאמע'ס נאמען דוקא, און עס איז פארהאן א טעם דערצו על פי קבלה ווי עס איז באוואוסט פאר די וואס קענען זיך אויס אין דעם, כאטש איך האב נישט קיין באשעפטיגונג אין באהאלטענע זאכן, דאך ווייס איך און איך גלויב, אז זייער הייליגער וועג איז אן אמת'ער וועג, דערפאר זאלסטו מיר שרייבן די נאמען פון די מאמע פון דיין פרוי תחי', ווייל איך זאל איר וויסן צו דערמאנען אין תפלה למשה, (דאס מיינט אין זיין-דעם ישמח משה'ס-תפלה) און אין די תפלה פונעם ארימאן אין פארשטאנד און אין מעשים טובים אזוי ווי מיר, אז דער ארימאן רופט הערט דער באשעפער.

מיין זון, מיין זון, דיין פאטער'ס רייד זאל נישט זיין אויף דיר צו לאסט, ווייל פון גרויס ליבשאפט האב איך גערעדט ביז אהער, זאלסט זיי איבער'חזר'ן עטליכע מאל.

מיין זון, נעם מיינע ווערטער, און מיינע אנבאטן באהאלט ביי דיר אין טיפענישן פון הארץ, און זאלסט נישט לייגנען מיינע רייד אן אינטערעס און אן הארץ. עס זאל זיין פרידן פון דעם הער פון שלום, אזוי ווי דיין ווילן און אזוי ווי דער ווילן פון דיין פאטער וואס בעט פאר דיר אין אלע ענינים.